# דער יוד

# (DER JUDE)


צייטשריפֿט

## פֿיר אלע יודישע אינטערעסען.

ערשיינט יעדע וואָך.

פֿערלאג: חברה „אחיאסף“.



דער פרייז פֿיר רוססלאנד:
גאנץ יאָהרליך —.5 רוביל.
האלב יאָהרליך —.3 רוביל;
פֿיערטעל יאָהרליך 1.50 רו"כ.
מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רוביל
דען 1טען אפריל — 2 „
דען 1טען אויגוסט — 1 „

איינצעלנע נומערן 15 קאפּ. — 30 העלער.

אבאנאמענטס פרייז יאָהרליך:
אָסטרייך-אונגארן —.12 קראָנען.
האַלביאָהריג —.6 „
פֿירטעליאָהריג —.3 „
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פֿראנק.
אנדערע לענדער —.15 „
אמעריקא, ענגלאנד —.10 שילינג.

פרייז פֿון מודעות (אנצייגען):
פֿיר יעדער קליינע שורה פעטיט 20 העללער, 25 פפֿעניג, 10 קאפ.



Krakau. 18 October 1900. .42 נומר קראקויא, תשרי תרס"א.


| ה. תר"ס ← וואכענ־קאלענדער (לוח) → 1900 | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| די טעג פֿון | | תשרי אָקטאָבער־פּאָזדזערניק | | נייער ס. | אלט. ס. |
| חודש | וואָך | | | אקטאב. | אקטא. |
| כ"ח | זונטאג | | | 21 | 8 |
| כ"ט | מאנטאג | | | 22 | 9 |
| ל' | דינסטאג | א' דר"ח חשון | | 23 | 10 |
| א' | מיטוואך | ב' דר"ח. | | 24 | 11 |
| ב' | דאנערס. | | | 25 | 12 |
| ג' | פֿרייטאג | | | 26 | 13 |
| ד' | שבת | שבת נח. | | 27 | 14 |

### קורצע פֿערצייכנונגען פֿון דער יודישער געשיכטע.

| טאג | יאהר | |
|---|---|---|
| כ"ח | ה' ר"ע | געהרג'ט וועגען א בלבול ר' חיים הכהן אין צוויטוי. |
| כ"ט | ה' ק"ל | איז געווען א בלבול געגען יודען אין בריסעל. |
| ל' | ג'תתכ"ז | האָבען יודען מנצח געווען די דוימער אונטער קעסטיום. |
| א' | ד' תרטז | געשטאָרבען הגי' ר' צבי הירש חיות אין זאלקווא. |
| ב' | דתתקלה | האָבען די צווייטע קרייצפֿאָהרער איינגענומען ירושלים. |
| „ | ה' ש"ב | פֿערברענט עקדה"ש 5 אנוסים אין ליסאבאן. |
| ג' | ה' נ"א | האָט עדוארד I פֿערטריבען אלע יודען פֿון ענגלאנד. |
| „ | ה'תרי"א | געשטאָרבען הר' ישראל אדמו"ר פֿון רוזין. |
| ד' | ה' רצ"ו | האָט פאפסט פויל II מודיע געווען אז די יודען זענען בע־פֿרייט פֿון די בלבולים פון דער אינקוויזיציע. |
| „ | ה' תקי"ח | האָט מען דורך דער מסירה פֿון פֿראנקיסטען אין קאמענעץ פאדאלסק גוזר געווען פֿערברענען דעם תלמוד. |

## אינהאלט:


א) די יודישע באנק. י. ל.
ב) אמעריקא און די רומענישע יודען. לוי כג"ל.
ג) פאליטישע איבערזיכט. י. ל.
ד) תקנות פון דעם אקציען-קלוב.
ה) יודישע שטעדט און שטעדטליך. אמת.
ו) מען שרייבט אונז.
ז) די יודישע וועלט.
ח) אלגעמיינע וועלט-נייעס.
ט) אויס יום-טוב. געדיכט. מאררים ראזענפֿעלד.
י) דער געשטארבענער מלאך. סקיצע. מ. ארענשטיין.
יא) בילדער פֿון דער יודישער וועלט. II:
יצחק יוסיל ברויטגעבער. ישעיהו לערנער.
יב) דער זשארגאן. דר. נ. סירקין.
יג) חבלי משיח. פֿעלעטאָן. י. דינעזאהן.



## צו אבאָנירען:

אין קראקא:
Administration „DER JUDE“, Krakau, Gertrudy 19.

אין ווארשא:
Verlag „Achiasaf“, Warschau, Postkiste Nr 25, mündlich: Twarda 6, Thür 4

אין וויען:
E. Torczyner, Wien I, Rudolfsplatz 6.

אין לאדז, ביי אונזערעם פערטרעטער:
S. Hochberg, Lodż, Cegielnianastr. 36.

„דער יוד“ איז אויך איינגעטראגען אין דער צייטונגספרייזליסטע דער ק. ק. עסטרייכישען פּאָסט אונטער דער נומער 1920a Nachtrag VII.

## מענער קליידער.

איך מאַך בעקאַנט מיינע געעהרטע קונדשאַפט דאס מיין מאַסטערסקאיע פֿון מענער קליידער, וועלכע עקזיסטירט פֿון יאהר 1886 אויף נאלעווקי נו׳ 17 איז יעצט איבערגעטראָגען אויף בעליאנסקע נו׳ 25 אין פראָנט. אין אַ מאגאזין מיט פֿיעל אויסבעסערונגען און גרויסען אויסוואהל פֿון אייגענע אויס-לענדישע און אינלענדישע וואַרע פֿון דער נייעסטער מאדע. איך פֿערזיכערע צופֿריעדען צו שטעללען דאס פּובליקום לויט זייער וואָנש.

**Jacob Zyto, Warszawa, Bielawska 25.**

---

## באַמבערגער׳ס

קנאַבען פענסיאָנאַט אשאַפֿפֿענבורג (בייערן)

**Aschaffenburg (Bayern).**

אינסטיטוט פֿיר ערציהונג און אונטערריכט.

עס ווערען אויפֿגענומען יונגליך אין יעדען אַלטער און געלערענט יודישע-און אַלגעמיינע אנפֿאַנגס-געגענ-שטענדע. פֿאַרציגליכע לעהרער. גוטע קאָסט און אויפֿזיכט; ערציהונג שטרענג יודיש. מען קען זיך ערקונדיגען אצל ה״ר הגאון מוהר״ר חיים בערלין נר״ו אב״ד דק״ק עליזאַוועטגראַד (פֿריהער אין מאסקווא).

פראַספעקטען גראַטיס.

די ד רעקציאָן.

---

## גאַלוואַנישע אנשטאַלט.

יהושע טייטעלבוים ווארשא, דזיקא 18.

נימט אָן צו פֿערגילטען, פֿערזילבערן, פֿערניקלען, אקסידירען אונד בראָנזירען פֿערשיעדענע מעטאַל-אַרבייט. אויך ווערדען אנגענאָממען אַלטע זילבערנע אונד פֿערזילבערטע כלים אויפֿצופֿרישען וויא נייא, צו מעסיגען פרייזען גאַראַנטירט פֿיר דויערהאַפֿטיגקייט. בריעף-אדרעסע:

**Sz. Teitelbaum, Warszawa, Dzika 18.**

---



УСОВЕРШЕНСТВОВАННЫЙ МЕТОДЪ ДЛЯ ИСПРАВЛЕНІЯ ПОЧЕРКА



### „КАЛЛИГРАФЪ“

Удостоенъ серебряной медалью

**Красиво писать по этому методу въ 15 уроковъ выучивается всякій.**

самый дурной почеркъ превращается въ блестяще красивый.

**Методъ „КАЛИГРАФЪ“ легчайшій и успѣшнѣйшій самоучитель чистописанія.**

1) Теоретическая часть, состоящая изъ руководства на 32 ст.

2) Практическая часть, состоящая изъ 5 отдѣловъ, раздѣленныхъ на 15 уроковъ на 160 страницахъ, для всѣхъ желающихъ въ короткое время исправить свой почеркъ въ блестяще красивый, и даетъ возможность всѣмъ безъ исключенія научиться красиво писать безъ помощи учителя въ 15 уроковъ и при ничтожной затратѣ на его пріобрѣтеніе суммы.

Заявленіе это не голословное, а подтверждается отзывами учебнаго начальства и высокопоставленныхъ лицъ, часть которыхъ напечатаны въ газетахъ и журналахъ 1897 г. „Нива“ № 51 „Родина“ № 4; 1898 г. „Свѣтъ“ №6; „Новости“ № 33; „Новости Дня“ № 5255; „Новь“ № 2 и въ другихъ журналахъ и газетахъ.

Цѣна за весь курсъ исправленія почерка за обѣ части. съ перес. 1 р. 60 к; можно присылать почт. марками; съ налож. плат. 1 р. 75 к.

Адресъ: Полтава, Складъ изданія „КАЛЛИГРАФЪ“ Д. Н. Подземскому, собств. домъ.

---

## פֿריילינען און דאַמען

קענען זיך אויסלערנען גוט שניידען און נייהען אין אקורצע צייט דורך בריעף אין זארגאָן, רוסיש אין דייטש. די מעטאָדע איז די בעסטע און די גרינגסטע. אפילו 12 יעהריגע מדרכען קענען זיך גוט אויסלערנען. אויף תשובה אַ מארקע. ניט זוימט און פרעגט אָן ביי:

Варшава, Госпожѣ Бертѣ Найдичъ.

---

## מיטעלען צום לעבען

איך לערען בריפליך אויף פערזענליך חעמישע ארטיקעלען וועלכע מיט יעדער-פון זיי קען מען פיין עקזיסטירען, פארדערט גאנץ ווייניג קאפיטאל, נעבעי פראווא זיטעלסטווא ואגאר אין פעטרבורג לויט א רעשעניע פון סענאט.

Варшава, Дѣльная. № 30/8

И. Матузону.

---

## ברוך-בענדער!



האַלטען איין ־ רען שווערסטען ברוך אונד דריקען נישט דעם קערפער. נאַגראָדע פֿאָן דאָקטאָרסקע אויסשטעלונג.

**D. MOSZKOWSKI,**

**Warszawa, Muranów 16**

---




פֿאַבריק פון גילזען מאשינען

Ch. Ritzenberg.

Warszawa, Dzika 44

פֿיר גוטהייט און דויערהאַפֿטיגקייט ווירד גאַראַנטירט!

---

Парижская папиросная бумага

## „Ле Дерніеръ Картушъ“

**требовать исключительно гильзъ а также папиросныхъ книжекъ изъ настоящей французской бумаги „Ле Дерніеръ Картушъ“**

**Бумажка эта признана Химичес. Лаборатр. Варшав. Император. Университета САМОЮ ЛУЧШЕЮ.**

**Образцы бумажки разныхъ сортовъ высылаетъ безплатно.**

**ТОРГОВЫЙ ДОМЪ**

## Л. ЗИЛБЕРЛЯСТЪ

**въ ВАРШАВѢ**

Граничная улица № 6.

---

### צוקערניע ש. שפיגעלגלאז

וואַרשא, נאלעווקי Nr. 10

(פֿאַרמאַלס אינעלואָהן). וועלכע עקזיסטירט זייט 18 יאהר. פֿון דער צייט און זייט איך האב זי איבערגענומען אונטער מיינע אויפֿזיכט האָב איך פֿיעל פֿערבעסערונגען איינגעאָרדענט. רייך, כשר, בילינ, בעשטעלונגען ווערען פינקטליך אויסגעפֿיהרט, היער און אויף דער פראָווינץ. פֿיעלע דאַנקען בריעפֿליך אויך מינדליך.

די צוקערניע בעזיצט 24 צייטונגען צום לעזען.

---

# ПАЛЕСТИНА

## Ея настоящее и будущее.

Очеркъ положенія современной Палестины и существующихъ въ ней евр. колоній.

соч. **А. Г. Любарскаго**

**Часть I:** Введеніе. Географ. обзоръ Сиріи и Палестины Населеніе. Политическое состояніе Сиріи. Источники эконом. благосостоянія.

**Часть II:** Общій обзоръ колонизація. Описаніе евр. колоній. Колоніи Самаріи и Саронской долины. Сѣвер. Галилея и ея колоніи. Заіорданье.

Цѣна книги (177 стр. 8° ) 75 коп., съ пересылкой 85 коп.; въ переплетѣ 1 руб. съ пересылкой 1 руб 10 коп.

**Издательство „АХІАСАФЪ“ Варшава**

Твердая 6 кв. 4.

II. Jahrgang. DER JUDE. Nr. 42.

אבאנאמענטס פרייז יאהרליך:
אסטרייך-אונגארן —.12 קראָנען.
האלביאהריג —.6 „
פירטעליאהריג —.3 „
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פראנק.
אנדערע לענדער —.15 „
אמעריקא, ענגלאנד—.10 שילינג.

פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדע קליינע שורה פעטיט
20 העלער, 25 פפעניג, 10 קאפ.

Erscheint Donnerstag.

# דער יוד

צייטשריפט
פיר אלע יודישע אינטערעסען.
ערשיינט יעדע וואָך.
פערלאג: חברת „אחיאסף".

דער פרייז פיר רוסלאנד:
גאנץ-יאהרליך —.5 רוביל.
האלב-יאהרליך —.3 רוביל.
פירטעל-יאהרליך 1.50 רוביל.
מען קען אויך אויסצאהלען אין
3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רוביל
דען 1טען אפריל — 2 „
דען 1טען אויגוסט — 1 „

ענדערען די אדרעססע קאסט
20 קאפ.

קראַקויא, תשרי תרס"א. נומ׳ 42. Krakau, 18 Otcober. 1900.

## צו די אבאנענטען.

מיר ערלויבען אונז מיטצוטהיילען, דאס מען קען איצט נאָך אויס־שרייבען דעם „יוד" אויף דאָס צווייטע האַלבע יאהר 1900 ד. ה. פון 1 יולי ביז ענדע יאהר צום פרייז פון 3 רובל. פון 1 אקטאבער ביז ענדע יאהר קאָסט דאס אבאנעמענט 1.50 רו"כ.

מיט דער נומער 39 האָט זיך געענדיגט דאס 3-טע קווארטאל און מיר בעטען די אבאָנענטען וועלכע דאַרפען איינצאָהלען פאַר דעם לעצטען קווארטאל אַריינשיקען דאס אבאנעמענט צו דער רעכטער צייט, כדי מיר זאָלען קענען פינקטליך צושיקען די בלעטער.

**די אדמיניסטראציאָן.**

## די יודישע באנק.

עס האָט זיך געענדיגט דער קאָנגרעס מיט די דרשות וועגען איהם, עס האָבען זיך אויך אויסגעלאָזען די ימים־טובים, און עס קומען אָן די וואָכעדיגע טעג פון אַרבייט, מיט וועלכער מיר שאַפען אונז דאס רעכט אויף רוהע און פרייד. פיעל פונקטען זענען פאַראַן אין אונזער לעבען, וועלכע דאַרפען פערבעסערט ווערען, פיעל, פיעל פעלדער קען מען אָנווייזען פאַר אַרבייט, ווייל וואָס איז דען ביי אונז ניט פער־לאָזען, וואס איז דען ביי אונז געזונד און גוט? אָבער אונזערע כחות זענען קליין און מיר מוזען דערום זיין שפּאָרעוודיג ביי די פיעל אַר־בייטספעלדער, כדי מיר זאָלען זיך ניט צוואַ־פען מיט אונזער אַרבייט און ניט צופיצלען אונזער כח. אונזער אַרבייט וועט געמאַכט ווערען פיעל בעסער און גרינגער, ווען מיר ווילען אַרבייטען מיט א בע־שטימטען פלאַן.

דער פלאַן אין יעדער אַרבייט בעשטעהט ניט נור אין דעם, מען זאָל וויסען וואס און ווי צו טהון, נאָר אויך אין דעם, מען זאָל וויסען, ווי צו פערטהיילען אונזער קראַפט נאָך דער וויכטינקייט פון די אַר־בייטען. וועלכע זשע איז איצט פאַר אונז די וויכטיגסטע אַרבייט, איצט אין דעם נייען יאָהר? אויף וואָס דאַרפען מיר איצט אָנווענדען די מעהרסטע קראַפט? אויף דעם מוזען מיר אַלע ענטפערן: די באַנק.

פון דער באַנק הייננט אָב אונזער גאַנצע ווייטערריגע פּאָליטישע ארבייט. פון איהר הייננען אָב אונזערע בעמיהונגען צו קריגען רעכטע אין אריץ־ישראל. כל זמן די באַנק איז ניט געעפענט קען אויך דער מינדעסטער שריט ניט געמאַכט ווערען אין דער קאָלאָניזאַציאָנס־אַרבייט. די באַנק דאַרף פאַר אונז זיין דאָס מיטעל די הויכע ציע־לען פון ציוניזם אַריבערצוטראָגען אין לעבען, די באַנק איז דער מאַטע־ריעלער יסוד, וועלכער דאַרף שטיצען און שטאַרקען די ציוניסטישע בעוועגונג, גלייך, ווי זי ווערט געעפענט, קען זיך אָנהויבען איהר ניצליכע אַרבייט אין אונזער לאַנד דורך קרעדיט, וואס זי וועט געבען די קאָ־לאָניסטען, דורך קאָלאָניעס, וואס זי וועט גרינדען און דורך איהר הילף ביים פערגרעסערן און שטיצען דעם האַנדעל און פאַבריקאַציאָן. וואָלט געווען שוין איצט די באַנק געעפענט, וואָלטען אפשר אונזערע אַרביי־טער אין אריץ־ישראל זיך ניט געפונען אין דער איצטיגער טרויעריגער לאַגע, דורך וועלכע זיי ווערען געצוואונגען אַרויסצופאָהרען פון אר"ץ ישראל. לויט דעם אינטערעס און דעם טיעפען מיטגעפיהל, וועלכע דער קאָנגרעס האָט אַרויסגעוויזען צו די אַרבייטער, וואָלט די באַנק געוויס געזאָרגט צו שאַפען פאַ־ זיי ניצליכע בעשעפטיגונגען. דער אַקציאָנס־קאָמיטעט האט פאַר א יאָהרען געוואָלט שיקען א קאָמיסיאָן קיין אר"ץ ישראל אויסצופאָרשען דאָס לאַנד, צו ערפאָרשען די טויגליכקייט פון דער ערד, דעם שטאַנד פון האַנדעל און פאַבריקאַציאָן, זיך צו בעק־קאָנען מיט די געזעצען אין טערקיי, דען, האָטש מיר אַרבייטען שוין אין אר"ץ ישראל נאָהענט פון 20 יאָהר, טאַפען מיר נאָך אַלץ אַרום אין דער פינסטער, מיר ווייסען נאָך אַלץ ניט גרינדליך די ריכטיגע לאַגע און די תנאים פון לאַנד. אַלע אונזערע ידיעות איבער אר"ץ ישראל זענען נאָך אַלץ צו ווינציגע, דערום מאַכען מיר ביי יעדער אַרבייט איין פעהלער נאָך דעם אַנדערען. אַלע אונזערע ידיעות שעפען מיר נאָך אַלץ פון צופעליגע דורכפאָהרער. ווי וועניג מיר ווייסען דאָס לעבען אין אר"ץ ישראל און די תנאים פון לאַנד בעווייזט דאָס — אז יעדעס מאָל ווען עס קומט איימיצער פון אר"ץ ישראל ווערען מיר ערשטוינט צו הערען גאַנץ אומגעריכטעטע נייעס, און דאָס איז נאָך וועגען דעם לע־בען אין די קאָלאָניעס, וואס איז אונז אַם בעסטען בעקאַנט, אָבער וואָס אַנבעלאַנגט דאָס לאַנד בכלל, דעם האַנדעל, די געזעצען, פאַב־ריקאַציאָן א. ז. וו. — דאָס אַלץ ווייסען מיר נאָך איצט ניט פיעל מעהר ווי מיט 20 יאָהר צוריק. אויף אויסצופאָרשען גרינדליך דאָס לאַנד דאַרפען מיר דאָרטען שיקען א קאָמיסיאָן פון געלערנטע מענ־שען, פון ספּעציאַליסטען אין פערשיעדענע פאַכען, אָבער הערצו איז ווידער נייטהיג אַ סך געלד, און דער גוטער רצון פון קאָמיטעט קען ווייעדער ניט דורכגעפיהרט ווערען, כל זמן די באַנק איז נאך ניט געעפענט.

וויפיעל אזא באַנק ווי די אונזערע קען אויפטהון, וואָס פאַר אַ געוואַלטיגעס מיטעל עס קען ווערען פאַר דעם ציוניזם, זעהען מיר פון דעם שוין, דאָס אונזער באַנק איז ניט די ערשטע, וועלכע שטעלט אויף דעם צוועק ניט וואָס מעהר געלד צו פערדיענען, נאָר הויכע אידעאַלע פּאָלקסציעלען. יעדע מלוכה האָט נאַציאָנאַלע ביינק, וועלכע מאַכענדיג פערשידענע געשעפטען, לאָזען קיין מאָל פון אויג ניט אַרויס די העכערע ציעלען, פאַר וועלכע זיי זענען געשאַפען געוואָרען. זי הויבען די לאַנדווירטשאַפט, דעם האַנדעל, שטיצען די פאַבריקאַציאָן און העלפען אויס דער רעגירונג אין דער צייט, ווען זי דאַרף האָבען גרויסע סומען געלד, ווי צום ביישפּיל ביים בויען אייזענבאַהנען, ביי פיהרען מלחמה א. ז. וו.

פֿון איהם. אויך מיר ציוניסטען זענען ניט פֿעהיג צו גרעסערע אַרבייטען. מיר האָבען אונגעפֿעהר ביז 200,000 אָרגאַניזירטע ציוניסטען און אפילו מיר האָבען אויך אונזער חוב צו אונזער באַנק ניט ערפֿילט, מיר, די וואָס פֿערשטעהען שוין יאָ די וויכטיגקייט פֿון דער באַנק, מיר, די וואס פֿערשטעהען שוין יאָ די הויכקייט פֿון אַלגעמיינע פֿאָלקסאינטערעסען! ווען עס וואָלט נור געהעריג געזאָרגט געווען אַז אַלע אַקציאָנערען זאָלען בעצאָהלען דאס געלד פֿאַר די געקויפֿטע אַקציעס, וואָלט דאָך שוין אונזער באַנק געקענט געעפֿענט ווערען, דען די צאָהל פֿון די פֿערקויפֿטע אַקציעס איז 317,000, בעת צום עפֿענען די באַנק איז די נייטהיגע סומע פֿון אַקציעס נור 250,000. פֿאַר די אַלע אַקציעס איז אָבער ביז איצט נור איינגעצאָהלט איין קאַפּיטאַל פֿון $1^1/_2$ מיליאָן רובל, און די באַנק זאָל קענען געעפֿענט ווערען דאַרף זי פֿערמאָגען וועניגסטענס $2^1/_2$ מיליאָן. צונויפֿצוקלייבען נאָך אַ גאַנצען מיליאָן אין דעם משך פֿון איין יאָהר וועט זיין ניט גרינג, עס מוז דערום איצט פֿיעל מעהר געאַרבעט ווערען פֿאַר די באַנק ווי אין די פֿערגאַנגענע 2 יאָהר. ווי וועלען מיר קענען קומען צו דעם 5־טען קאָנגרעס, וואָס איז בעשטימט געוואָרען אין קומענדיגען יאָהר, אויב די באַנק וועט נאָך ניט זיין געעפֿענט, און וואָס וועט זיין אונזער קומענדיגער קאָנגרעס אָהן די באַנק?

דער ערשטער נאָוועמבער איז דער לעצטער טערמין אויף איינצוצאָהלען דאָס געלד פֿאַר די ביז איצט פֿערקויפֿטע אַקציעס. די צייט איז קורץ, דערום דאַרף מען זיך ענערגיש נעהמען צו דער אַרבייט, עס זאל אין דעם משך פֿון די פּאָר וואָכען איינגעקאַסירט ווערען וואָס מעהר געלד.

מיט דעם איינקאַסירען אַליין ביז דעם ערשטען נאָוועמבער וועט נאָך אָבער ניט געהאָלפֿען ווערען, ווייל עס וועט געוויס דאָס גאַנצע געלד נאָך ניט צוזאַמענגעקליבען ווערען. די אַרבייט פֿאַר די באַנק וועט געוויס פֿערנעהמען פֿיעל מעהר צייט, און איהר מוזען מיר איצט אָבגעבען אונזער גאַנצע ענערגיע, אויף איהר דאַרפֿען מיר אָנווענדען אַם מעהרסטען קראַפֿט.

די באַנק דאַרף אַזוי ווי דער קאָנגרעס אונטערשטיצט ווערען פֿון דעם גאַנצען פֿאָלק. די באַנק, וואָס וויל ביי אונז שפּילען דיזעלבע ראָליע ווי רעגירונגסבייגק ביי זעלבסטשטענדיגע פֿעלקער, וועט פֿיעל מיטהעלפֿען צו שטאַרקען און צו הויבען דאָס יודענטהום. זאָל זשע יעדער ערפֿילען זיין חוב צו דעם פֿאָלק, זאָל יעדער מיטהעלפֿען ביים אויפֿשטעלען פֿון דעם גרויסען בנין פֿון אונזער צוקונפֿט!

י. ל.

## אמעריקא און די רומענישע יודען.

איצט בעת די רדיפות מאַכען אַ תל פֿון אונזערע ברידער אין רומעניען, זענען אַלע אויגען געווענדט צו אמעריקא, ווייל זי איז נאָך דאָס איינציגע לאַנד, וואוהין די יודען קענען עמיגרירען. אין אמעריקא איז געגרינדעט געוואָרען אַ אַליאַנס פֿון די דאָרטיגע יודען צו העלפֿען די רומענישע עמיגראַנטען. די אליאנס גיט די עמיגראַנטען שטיצע די ערשטע צייט, זי זוכט פֿאַר זיי אַרבייט, זי עפֿענט שולען פֿאַר דערוואַקסענע זיי צו לערנען ענגליש, זי גרינדעט אויך שולען פֿאַר די קינדער פֿון די עמיגראַנטען. איינער פֿון די טהוערס פֿון דער אליאנס איז דר. דוד בלאשטיין, וועלכער איז איצט פֿון ניו־יאָרק געקומען קיין בוקאַרעסט זיך צו בעקאָנען מיט דער לאַגע אין רומעניען.

איך בין אַוועק צו ה' ד"ר בלאשטיין כדי זיך פֿונאַנדער צו פֿרעגען גענויער איבער דאָס ציעל פֿון זיין קומען, איך האָב זיך איהם פֿאָרגעשטעלט אַלס קאָרעספּאָנדענט פֿונ'ם "יוד" וועלכער איז איהם זעהר גוט בעקאַנט.

ד"ר בלאשטיין האָט מיר דערצעהלט פֿון דער אַרבייט פֿון דער אַליאַנס.

---

גענומען אַ טהייער גינגאָלדען טאַבאַקערקעלע אַ הפלא זאַך. חסידים האָבען זיך געוואָרפֿען אַ קוק טהון אויף דאָס טאַבאַקערקעלע, און מען האָט שיער מענשען ניט צוטראָטען. איך האָב אפילו אויך געחאַפּט אַ שטויס אין זייט, אָבער איך האָב דאָס טאַבאַקערקעלע געזעהן, גוט געזעהן... מבינים האָבען געשאַצט עס איז מחויב צו קאָסטען כמה אלפים קערבליך, נאָר אין מיינע אויגען איז עס גאָך מעהר ווערטה. איך האָב אַזאַ טהייער טאַבאַקערקעלע אין מיין לעבען ניט געזעהן. שלישית האָט שפּעטער דער רבי זאָל לעבען בעצם ידו געטהיילט צו שמעק טאַבאַק איטליכען חסיד ביים טיש. איך האָב מיט דריי פֿינגער אַ שמעק טאַבאַק אָנגענומען וואָס איז מיר גענוג געווען אויף אַ גאַנצען טאָג. און בעת מעשה האָט דעם רבינ'ס פּנים געשיינט כתואר פּני החמה ממש, מען האָט באַלד דערקענט אַז דער רבי האָט משונה הנאה פֿון דער מתנה און עס איז איצט אַ עת רצון. מען האָט געשמועסט צווישען עולם וועגען גרויסע ישועות אויפֿ'ן כלל יודען. איך האָב אַליין געפֿיהלט איך בין מלא שמחה וחדוה. עס האָט זיך עפּיס אַ מין עלית נשמה נעפֿיהלט. נאָר שפּעטער, אַז איך האָב געוואָלט צוקומען צום רבי'ן, רעדען וועגען מיין ענין צוליעב וואָס איך בין געקומען און מען האָט מיך ניט אַריינגעלאָזען, האָב איך דורכ'ן שלאָס פֿון טיהר געזעהן ווי דער רבי זאָל לעבען זיצט מיט דעם דאָזיגען עושר. אָבער מיינט איהר ווי זיצט ער? טאַקי ווי אין פּסוק שטעהט: מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד. אָט ווי איך זיץ און שמועס דאָ מיט אייך, און אַזוי שעות גאַנצע. בין איך שיער ניט נכשל געוואָרען מיט איין עבירה פֿון לא תחמוד. איך האָב געפֿיהלט איך בין מקנא יענעם קיעווער עושר, און מיר האָט זיך אויך געוואָלט זיין אַזוי רייך ווי ער, איך זאָל אויך קאָנען דעם רבין שענקען אַזאַ גינגאָלדען טאַבאַקערקעלע און זאָל אויך אַזוי זיצען שעות גאַנצע אין אַ חדר מיוחד און שמועסען מיט'ן רבי'ן. און אַזוי שטאַרק האָט זיך מיר דאָס געוואָלט, אַז איך האָב געפֿיהלט איך פֿאַל אַריין אין עצבות, גוט נאָך וואָס איך האָב נאָך אַ שמעק טאַבאַק געהאַט פֿונ'ם רבינס טהייער טאַבאַקערקעלע. איך האָב באַלד אַ שמעק געטהון, אָבער גוט, אַ נים געטהון, ביז עס איז מיר ליכטיג געוואָרען אין די אויגען און האָב טאַקי תיכף געהאַט אַ הרהור תשובה, איהר מאָגט זאָגען וואָס איהר ווילט, זעהן מיט די אויגען אַזאַ כבוד, אַזאַ מין גדולה פֿון איין עושר איז טאַקי אַ גרויסער נסיון ניט עובר צו זיין אויף לא תחמוד!

— פֿון וואָס ער ווערט דאָ נתפעל! — רופֿט זיך אָב ר' פֿישעל, — איך גיב אַ פּיאַטאַק פֿאַר אייער קיעווער עושר און פֿאַר זיינע עשירות. אויך מיר איין עושר אויף דער וועלט! זינט איך האָב געהערט שמועסענדיג פֿון ראָטשילד'ס עשירות האָבען ביי מיר אַ פּנים אַלע היגע מיליאָנערען פֿאַר קבצנים דלפּנים, ניט כדאי גאָר פֿון זיי צו רעדען. ווער פֿון זיי למשל האָט אייגענע קוואַלען פֿון קוועקזילבער? דאָס האָט נור ראטשילד אַליין. אָט שעפּסט דו אויס אַ טוי'זענד עמער. און אָט אין אַ שעה אַרום קוועלט אָן נאָך טויזענד, און האָט איהר אַ השגה וואָס קאָסט אַ פֿולער עמער קוועקזילבער? פֿרעגט ביי מיין ביילא־מנוחה'ן וועט זי אייך זאָגען, איך בין לענגער ביי מיר אין קראַם געוועזען, האָט איין ערל געהאַט אין אַ פּיציל קליין פֿלעשעלע אַ ביסיל קוועקזילבער, וועניגער אפשר ווי אַ שמעק טאַבאַק, ער האָט עס אין אַפּטייק געקויפֿט און בעצאהלט דערפֿאַר פֿינף גולדען, בעת מעשה האָב איך בערעכענט אַז ראַטשילד'ס אייגענס איז טאַקי גאָר אָין לשער, מען קען עס גאָר ניט משיג זיין. היינט וואו זענען זיינע קרקעות, נכסים און מטלטלין און גלאַט מזומן געלד? און איהר, ר' משולם, ווערט נתפעל פֿון אַ קיעווער עושר וואָס גיט דעם רבי'ן אַ גינגאָלדען טאַבאַקערקעלע, לאָז זיין דאָס טאַבאַקערקעלע קאָסט טאַקי כמה אלפים, לאָז זיין דער עושר האָט טאַקי מיליאָנען. אָבער געגען ראַטשילדען איז ער דאָך אַ דלפון, אַ בעטלער, רחמנא יצילנו!

— ווי איז די מעשה, ר' פֿישעל, — פֿרעגט משולם, — עס איז טאַקי דאָ אַזאַ ראַטשילד ערגעץ אין דער וועלט?

— און וואָס האָט איהר געמיינט? — פֿרענט ר' פישעל צוריק.

— איך מיין נאָך איצט אויך, אַז ראַטשילד איז גאָר במציאות ניטאָ, ענטפֿערט משולם, עס איז נור אַ גוזמא בעלמא, אַ מין משל אויף גרויסע עשירות. אַ שטייגער ווי די גמרא זאָגט; איוב לא היה ולא נברא אלא משל היה.

איצט, האָט ער דערצעהלט, בעת אמעריקא האָט געשלאָסען די טהויערען פֿאַר יודישע עמיגראַנטען, האָט די אַליאַנס דאָרט דעריבער פּראָטעסטירט, דען לויט די געזעטצען פֿון די פֿעראייניגטע שטאַאַטען קען מען פֿערמאַכען די טהויערען פֿאַר עמיגראַנטען נור דאַן, ווען זיי פֿערלאָזען זייער היים וועגען אַ עקאָנאָמישען קריזיס, אָבער ניט דאַן, ווען עמיגראַנטען פֿערלאָזען זייער היים, ווייל זיי זענען אונטערדריקט; דאַן מוז אמעריקא זיי די טהויערען עפֿענען, און זיי נאָך מיט אלעם מעגליכען שטיצען. כְּדֵי צו דערגעהן די סִיבָּה פֿון דער יודישער עמיגראַציאָן האָט די אַמעריקאַנישע רעגירונג אַרויסגעשיקט קיין אייראָפּא איין ספּעציעלען דעלעגאַט, און ד״ר בלאשטיין בעגלייט דעם בעטרעפֿענדען אין זיין גאַנצער רייזע.

אונזער ערשטע רייזע, זאָגט ה. דר. בלאשטיין, איז געווען אטהען, די הויפּטשטאדט פֿון גריכענלאַנד, ווייל דער דאָרטיגער אַמעריקאַנישער געזאַנדטער איז אויך איבער רומעניען, דער געזאַנדטער האָט אונז געוויזען אַ ראַפּאָרט פֿון דעם ענגלישען קאָנסול אין בוקאַרעסט, אין וועלכען ער שרייבט אַז די יודען אַנטלויפֿען פֿון רומעניען נור וועגען דעם איצטיגען קריזיס.

כדי זיך גענויער צו בעקאַנען מיט דער פֿראגע וועגען די רומענישע יודען איז אויף מיין פֿאָרשלאַג דער פֿערטרעטער פֿון דער אַמעריקאַנישער רעגירונג צוזאַמען מיט מיר געפֿאָהרען קיין לאָנדאָן צו דעם ציוניסטען־קאָנגרעס. דאָרט זענען מיר געוועזען אויף די אֲסֵיפוֹת און זיך צוגעהערט צו די דעבאַטען איבער די יודישע לאַגע אין רומעניען. דאַן האָבען מיר בעזוכט די רומענישע עמיגראַנטען אין לאָנדאָן, פֿון דאָרט זענען מיר געפֿאָהרען קיין ראָטערדאַם, וואו עס געפֿינט זיך אַ גרויסע צאָהל יודישע עמיגראַנטען, מיר האָבען בעזוכט פּאַריז, בערלין, וויען, בודאַפּעסט, ווייל עס געפֿינען זיך אין די אַלע שטעדט מאַסען רומענישע עמיגראַנטען, און יעצט זענען מיר געקומען קיין בוקאַרעסט, אום דער דעלעגאַט זאָל זיך אַלעס מיט אייגענע אויגען איבערציינגען ווי ווייט די יודען ווערען פֿערפֿאָלגט אין רומעניען.

דער אַמעריקאַנישער דעלעגאַט איז געווען ביי׳ם אינלענדישען מיניסטער, ביי וועלכען ער האָט זיך פֿונאַנדער געפֿרעגט איבער די לאַגע פֿון יודען אין רומעניען.

דער מיניסטער האָט נאַטירליך געענטפֿערט אַז די יודען לעבען איבערגליקליך אין רומעניען און האָבען גאָר ניט נייטהיג צו עמיגרירען.

ד״ר בלאשטיין האָט מיר געבעטען איך זאָל איהם און דעם אַמעריקאַנישען פֿערטרעטער וויזען די יודישע נאַסען, דערהויפּט האָבען זיי זיך אינטערעסירט מיט די צוריקגעקומענע עמיגראַנטען.

איך האָב מיט פֿערגעניגען אָנגענומען דר. בלאשטיינס כיטע, און מיר האָבען זאלבעדריט בעזוכט דעם יודישען פֿירטעל, די צוריקגעקומענע עמיגראַנטען פֿון וויען, וואָס ליגען אויסען שטאדט מיט די ווייבער און קליינע קינדער, ווי די ציגיינער אין ביידליך און שטאַרבען פּשוט פֿאַר הונגער. דאַן האָבען מיר נאָך בעזוכט איינגע יודישע שוהלען און אַנשטאַלטען. די שרעקליכע בילדער, וואָס איז אויסגעקומען צו זעהן דעם אַמעריקאַנישען דעלעגאַטען און דר. בלאָשטיינען, האָבען געמאַכט אויף זיי אַ געוואַלטיגען איינדרוק. דער אַמעריקאַנער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אָבשיקען זיין רעגירונג אַ ראַפּאַרט איבער די יודישע לאַגע אין רומעניען, אין וועלכען ער וועט אויפֿווייזען, ווי ווייט די יודען ווערען דאָ פֿערפֿאָלגט און גערודפֿט.

דער אַמעריקאַנישער דעלעגירטער איז געקומען צו דער דֵעָה אַז פֿאַר די יודען איז דאָ קיין אַנדער אויסוועג ניטאָ ווי צו עמיגרירען. ער געפֿינט אַז די קענטנים פֿון דער ענגלישער שפּראַך וואָלט די רומענישע יודען אַ סך פֿערגרינגערט זייער לאַגע בעת זיי קומען קיין אמעריקא. דערום געהט ער מאָרגען ביי׳ם מיניסטער פֿון בילדונג און ביי דעם ה. קארפּ, דעם פּרעזעס פֿון דעם רומענישען מיניסטעריום, צו בעטען ביי זיי

---

— אַ שענער משל! — לאַכט ר׳ פֿישעל, - קוואלען מיט קוועקזילבער אַ משל! און די מַלְכֵי מזרח און מערב וואָס לייהען ביי איהם געלד אויף זייערע מלחמות איז אויך אַ משל?

— און וואָס איז די רַאֲיָה אַז ניט? — שפּאַרט זיך ר׳ משולם. — מיר דאַכט אַז דער קיעווער עושר איז פֿאָרט דער גרעסטער גביר, אַי איהר זאָגט ראָטשילד? איז ראַטשילד לא היה ולא נברא אלא משל היה! והא ראיה, אַז ראַטשילד איז נור אַ משל, זאָל מיר זאָגען אַ יְלִיד אִשָּׁה, אַז ער האָט ראַטשילדען אַזוי געזעהן, מיט איהם ביי׳ם רבי׳ן ביי איין טיש געגעסען, ווי איך מיט דעם קיעווער גביר!

— איך האָב פֿיינט אַז יודען שפּאַרען זיך ניט וויסענדיג פֿון וואָס און ווען, — מישט זיך אריין ר׳ ישראל דער שוחט, — האָב איך ניט געזעהן ראַטשילדען און מיט איהם געגעסען ביי איין טיש ווי ר׳ משולם וויל דוקא, האָב איך אָבער דאָך אַ ראיה, אַז עס איז דאָ אַ ראַטשילד, אַז ער איז טאַקי משונה רייך ווי ר׳ פֿישעל זאָגט, און אַז מיר וועלען טאַקי זוכה זיין דורך איהם צו קומען בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אין ארץ־ישראל! הערט נור אויס אַ מעשה, ווי אַזוי איך בין צו דער ידיעה געקומען. מיין איידעם, קאָנט איהר דאָך ער איז ניט קיין שקרן, איז זיך דאַכט זיך אַ שטילינקער, אָבער איך ווייס אַז ער איז אַ שטאַרקער יודע אין הַהֲוָיוֹת הָעוֹלָם — פֿערשטעהט די פּאָליטיקע קונציג. מיט אַ חדש צוריק איז ער אין קיעוו געוועזען, האָט נאָך צו־טהון געהאַט וועגען זיין פּריזיוו, און וואָס אַיין אַנדער וואָלט ניט געמאַכט מיט כמה אלפים, האָט ער בעקומען מיט איין פּראָסבע וואָס ער האָט אַליין געשריבען בְּעֶצֶם יָדוֹ, אַז מען זאָגט אייך אַ מענש אַ דַעְתָּן אַ זאַקאָניק, ברויכט איהר וויסען, אַז ער איז ניט קיין יונגעלע. קומענדיג פֿון קיעוו האָט ער מיר אַ מתנה געבראַכט, וואָס מיינט איהר? אַ מתנה זאָג איך אייך, וואָס איז ביי מיר ווערטה כל הון דְעָלְמָא, אַ בוטעל וויין דאַכט זיך, און פֿאָרט איז ניט אָבצושאַטצען וואָס אַזאַ בוטעל וויין איז ווערטה. אַ בוטעל וויין פֿון הר הכרמל. בְּעֵינַי רָאִיתִי, אפילו די חתימה, מיט וואָס דער וויין איז פֿערחתמעט, איז אויך מיט יודישע אותיות, אמת׳ע מְרוּבָּעִים, אויפֿ׳ן בוטעל איז אַרויפֿגעקלעבט געוועזען אַ מין שען קוויטעל אויסגעמאָלט ווי די מְרַגְּלִים טראָגען דעם אֶשְׁכּוֹל. איך געדענק שוין ניט דעם נוסח אין גאַנצען, נאָר איך געדענק קלאָר אַז איך האָב אַליין איבערגעלייענט, אַז דער וויין איז פֿון ראַטשילד׳ס וויינגאָרטען פֿון ארץ ישראל, מסתמא פֿונ׳ם הר הכרמל. איך האָב דעם וויין טוֹעֵם געוועזען, און איך זאָג אייך אַז איך האָב בחוש געפֿיהלט אַז איך בין טועם אמת ארץ ישראל וויין, טויזענד טעמים. וואו זעהט מען גאָר אַזאַ וויין אין חוץ לארץ. און טאַקי ביי אַ נלעזיל ארץ ישראל וויין האָט מיר מיין איידעם דערצעהלט, אַז אין די גרויסע שטעדט איז שוין גאָר קיין סוד ניט, אַז ראַטשילד, זאָל איהם גאָט העלפֿען, האָט שטאַרק בְּדֵעָה אָבצוקויפֿען פֿונ׳ם טערק גאַנץ ארץ ישראל, און קויפֿט דאָרט וואָס אַ יאָהר אַלץ נייע פֿעלדער, נייע וויינגערטנער, בעזעטצט אויף זיי יודען, און די יודען זיצען טאַקי דאָרט שוין אִישׁ תַּחַת גַּפְנוֹ וְאִישׁ תַּחַת תְּאֵנָתוֹ, און ער וועט מיט דער צייט אָבקויפֿען אַזוי ביסליכווייז גאַנץ ארץ ישראל, זעהט איהר ר׳ משולם, אַז ראַטשילד איז ניט אַ משל, מיר ליגט נאָך דער טעם פֿון זיין וויין אויפֿ׳ן צונג.

— נו, — פֿרעגט משולם — און אַט דער דאָזיגער ראַטשילד איז טאַקי אַ יוד?

— איהר הערט דאָך, אַז איך האָב פֿון זיין וויין געטרונקען, — ענטפֿערט ר׳ ישראל מיט רוגזא, — וואָלט איך דען טרינקען חלילה אַ וויין וואָס איך ווייס ניט זיכער אַז ער איז כשר?

— און טאַקי אַזוי משונה רייך, ווי ר׳ פֿישעל וויל האָבען? — פֿרעגט משולם ווידער.

— מסתמא אַזוי רייך, און אפשר נאָך רייכער! — דערקלערט ר׳ ישראל, מען שמועסט דאָך, ער וויל אָבקויפֿען גאַנץ ארץ ישראל און צו אַזאַ קְנִיָּה מוז מען האָבען דאַכט מיר, קרח׳ס אוצרות!

— און וויפֿיעל זענט איהר מְשַׁעֵר, דאַרף קאָסטען דאָס גינגאָלדענע טאַבאַקערקעלע, וואָס אַזאַ ראַטשילד ברענגט דעם רבי׳ן זאָל לעבען, אַז ער קומט צו איהם אַ מאָל אויף אַ רגל.

— איהר ווייסט גאָר ניט וואָס טהוט זיך — ענטפֿערט ר׳ ישראל — ראַטשילד פֿאָהרט ניט צום רבי׳ן!

מען זאָל איינפֿיהרען דאָס לערנען פֿון דער ענגלישער שפּראַך אין די יודישע שולען, כדי זיי זאָלען קומענדיג אין אַמעריקא ניט זיין ווי שטומע מענשען. דער אַמעריקאַנישער פֿערטרעטער האָפֿט דאָס צו פּועל'ען ביי דער רעגירונג, און דאַן וועט אַמעריקא אַרויסשיקען פֿאַר די יודישע שולען ענגלישע לעהרער און שטיצען דאָס לערנען פֿון דער ענגלישער שפּראַך אין די יודישע שולען.

נאָך די פֿערהאַנדלונגען מיט דעם רומענישען מיניסטעריום פֿאָהרט דער פֿערטרעטער פֿון דער אַמעריקאַנישער רעגירונג צוריק קיין אַמעריקא און דר. בלאשטיין פֿאָהרט קיין ווין, וואו ער איז איינגעלאַדען פֿון דער „וויענער אַליאַנס". ער וויל דאָרט דורכפֿיהרען די פֿעראייניגונג פֿון דער אַמעריקאַנישער אַליאַנס מיט אַלע יודישע חברות פֿון איירופּא, וועלכע ווילען העלפֿען די רומענישע יודען.

בוקאַ־רעסט. — לוי סג"ל.

## פּאָליטישע איבערזיכט.

די שוועריגקייטען, וועלכע זענען ענטשטאַנען אין די פֿערהאַנדלונגען מיט חינא, הויבען ווידער אָן קלענער צו ווערען, און די האָפֿנונגען אויף שלום זענען ווידער געשטיגען. אויף די פֿאָדערונג פֿון דעם דייטשען קייזער האָט די חינעזישע רעגירונג אָבגעזעצט פֿון שטעל דעם פּרינ'ץ טואַן און אַנדערע גרויסע בעאַמטע און זיי אַלע געשטעלט פֿאַר אַ בית־דין. דער חינעזישער קייזער האָט מיט גרויס הַכְנָעָה געשריבען דעם דייטשען קייזער, אַז ער בעדויערט פֿון זיין גאַנצען האַ־רצען דעם טויט פֿון דעם דייטשען געזאַנדטען באַראָן קעטעלער, און אַז ער האָט בעפֿאָהלען צו ברענגען קָרְבָּנוֹת אין די חינעזישע טעמפּלען צום כָּבוֹד פֿון דעם דערהרג'עטען. דער דייטשער קייזער האָט איהם שאַרף און שטאָלץ געענטפֿערט, אַז דאָס איז נאָך ווייניג און אַז ער פֿערלאַנגט די שטרענגע שטראָף פֿאַר אַלע וואָס זענען שולדיג אין די רציחות געגען די פֿרעמדע. די דייטשע רעגירונג האָט זיך אויך געווענדעט צו די פֿעראייניגטע מלוכות מיט די פֿאָדערונגען, וועלכע זענען שוין פֿון אַלעמען אָנגענומען געוואָרען: ערשטענס, זאָלען די פֿערטרעטער פֿון די מלוכות אָנרופֿען די שולדיגע; צווייטענס, זאָלען די פֿערטרעטער אַכטונג געבען, אַז דער פְּסַק זאָל זיין שטרענג, און דריטענס, זאָל די חינעזישע רעגירונג אַרויסגעבען עֲרֵבוּת, אַז דער פּסק וועט אין אמת'ען ערפֿילט ווערען. אין דעם צירקולאַר פֿון גראַף ביולאָוו (דעם דייטשען מיניסטער פֿאַר אויסלאַנד) ווערט שוין איצט מעהר ניט געפֿאָדערט, אַז די שולדיגע זאָלען געשטעלט ווערען דוקא פֿאַר אַ אויסלענדישען בית־דין און מיט דער ווייטערער פֿאָדערונג איז געגעבען געוואָרען די מעגליכקייט פֿאַר חינא אָנצונעהמען דעם פֿאָרשלאַג פֿון די פֿרעמדע.

די פֿראַנצויזישע רעגירונג האָט געמאַכט נאָך אַ טריט ווייטער און זי האָט זיך שוין געווענדעט מיט אַ צירקולאַר צו די פֿעראייניגטע מלוכות, אין וועלכען זי דריקט אויס איהר מיינונג איבער די תְּנָאִים פֿון שָׁלוֹם מיט חינא. פֿראַנקרייך שלאָגט פֿאָר, אַז קודם כָּל זאָלען שטרענג בעשטראָפֿט ווערען די שולדיגע, ווייטער זאָל בלייבען אַ טהייל פֿון פֿרעמדען חיל אין פּעקין צו פֿערטהיידיגען דאָס לעבען פֿון די פֿערטרעטער פֿון די פֿרעמדע מלוכות, עס זאָל צובראָכען ווערען די פֿעסטונג פֿון טאַקו, וואָס פֿערטהיידיגט דעם וועג צו פּעקין, אין איינ'גע שטעדט אויפֿ'ן וועג פֿון ים ביז פּעקין זאָל בלייבען פֿרעמדער חיל, כדי דער וועג אין די חינעזישע הויפּטשטאָדט זאָל שטענדיג שטעהן אָפֿען פֿאַר די אויסלענדישע מלוכות; אום ניט צו דערלאָזען אויף ווייטער די חינעזער צו פֿערשטאַרקען זייער חיל, לעגט די רעפּובליקאַנער רעגירונג פֿאָר ניט צו לאָזען אַריינפֿיהרען געוועהר אין חינא. פֿאַר די הוצאות, וואָס די מלוכות האָבען געהאַט ביי דער איצטיגער מלחמה און פֿאַר דעם שאָדען, וואָס איז אָנגעטהון געוואָרען אין חינא אויסלענדישע אונטערטהאַנען, דאַרף די חינעזישע רעגירונג בעצאָהלען.

---

— ווי הייסט? איהר זאָגט דאָך אַז ער איז אַ יוד, און איהר האָט געטרונקען אַליין זיין ווייַן? — פֿרעגט משולם פֿערוואונדערט.

— נאָך מעהר רִבּוּתָא, וועל איך אייך זאָגען, — רופֿט זיך אָב ר' פּישעל, — כּפי ווי איך האָב געהערט איז גאָר ראטשילד אַ דייטש מיט אַ קאפּעלוש, און עס איז נאָך אַ יֵשׁ־אוֹמְרִים וואָס ווילען האָבען אַז ער איז אַ גלוח אויך!

— עה! גיט זיך אַ הויב ר' משולם אַ מאַך טהוענדיג מיט דער האַנד, טאָ וואָס איז אין איהם דער יחוס? בין איך ניט מְקַנֵא זיינע אוצרות, זיינע ברונענס מיט קוועקזילבער, וואָס טויג ער מיר? מוחל, מוחל, ניטאָ וואָס מקנא צו זיין און איך וויל גאָר נישט הערען מעהר פֿון איהם! מיט די רייד וויל משולם אַוועקגעהן אָן אַזייט. אָבער ר' ישראל'ן פֿערדריסט עס און ער נעפֿינט פֿאַר נייטהיג זיך איינצושטעלען אַביסל פֿאַר ראטשילדען.

— זענט ניט אין כעס, ר' משולם, — האַלט איהם ר' ישראל אָב צוריק. — אַל תָּדִין אֶת חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִיעַ לִמְקוֹמוֹ. מען טאָהר אַ יודען ניט דן זיין ביז מען איז אַליין ניט געפּרובט מיט אַזאַ נסיון ווי יענער.

— ווייס איך וואָס איהר רעדט! — לאָזט זיך משולם ניט איבערערעדען, — איהר ווילט מיך איינשמועסען, אַז איך וועל זיין אַזוי רייך ווי ראטשילד, וועל איך צום רבי'ן ניט פֿאָהרען! אדרבה, הלואי האָב איך ראָטשילד'ס אוצרות, ווי צו מיין טאַבאַקערקעלע וואָס איך וואָלט צו איטליכען רגל ברענגען דעם רבי'ן וואָלט קיין גלייכען ניט זיין אין דער גאַנצער וועלט. און שנית, נו וואו וואָלט זיך דאָס אין מיר נעהמען אַזאַ מין הולטייסטווא, צו זיין אַ דייטש מיט אַ קאפּעלוש? דאָס וואָס ר' פּישעל זאָגט אַז ער איז אַ גלוח אויך, גלויב איך גלאַט ניט, און מען קען עס ניט גלויבען. ניין, אַ חרפּה, בְּנֶאֱמָנוֹת, ניט שען פֿון ראטשילדען, וואָס טויג איהם אַ דייטש צו זיין? וואָס טויג איהם דער קאפּעלוש? פֿע, זעהר אַראָבגעפֿאַלען אין מיינע אויגען!

— אָבער איהר לאָזט גאָר ניט רעדען! — שרייט ר' ישראל האַלב הייזעריג. — ראטשילד איז ערשטענס אַ קָרוֹב לְמַלְכוּת און איהם איז עַל פִּי דִין מוּתָּר, וואָס מיר און וואָס אייך איז על פּי דין אסור. פֿערשטעהט איהר ר' משולם, וואָס איך זאָג אייך? שנית ווייס גאָר ראטשילד פֿון אונזער רבי'ן ניט, פֿערשטעהט איהר, ווי מיין איידעם זאָגט זענען נאָך דאָ גאַנצע מדינות מיט יודען וואָס זיי ווייסען גאָר פֿון אַ רבי'ן ניט, עס קען זיין אַז צוליעב דעם אַליין קומט נאָך משיח ניט, אָבער יודען זענען זיי פֿונדעסטוועגען, שוגגין, זיי ווייסען פּשוט ניט און ראטשילד ווייס טאַקי אויך ניט.

— דאָס זעהט איהר, איז ביי מיר גאָר אַ נייעס, — רופֿט זיך אָב ר' משולם אַביסל אָבגעהענדיג פֿון כעס, — אָבער זאָגט מיר, ווען ראטשילד למשל וואָלט וויסען, אַז עס איז דאָ אַ שטעדטיל ווינאַגראַדקע און דאָ זיצט אַזאַ צדיק ווי אונזער רבי, וואָלט ער קומען צו איהם כאָטש איינמאָל אין יאָהר?

— בְּלִי שׁוּם סָפֵק! — ענטפֿערט ר' ישראל, — אָט דאָס שמועסט מען דאָך. ווען ראטשילד זאָל נור וויסען וואָלט ער שוין לאַנג געקומען צום רבי'ן און וואָלט געוואָרען אַ לייט. זיין גאַנצער חסרון ראטשילד'ס איז, וואָס ער ווייס ניט.

— פֿאַר וואָס טאַקי זאָל זיך ניט געפֿינען איינער, וואָס זאָל עס איהם מודיע־זיין? פֿרעגט משולם.

— אָט הייבט זיך אָן פֿאַר וואָס? ענטפֿערט ר' פּישעל, — איהר מיינט, אַז אַלע זענען אַזעלכע בטלנים ווי איהר. יודען נעביך איז דער קאָפּ דערשלאָגען פֿון דאגת הפרנסה, אויף וואָס זאָל אַ יוד גיכער דאגה'ן, אויף דירה געלד, קראם געלד, אויף אַ שוך, אַ בֶּגֶד פֿאַר ווייב און קינד, פֿאַר אַ קינד חֲתוּנָה מאַכען און נאָך אַזעלכע דאָגות וואָס לאָזען ניט עטהעמען, אָדער געהן פֿאָהרען אַ עק וועלט, דערפֿרעגען זיך וואו ראטשילד וואָהנט און איהם דערצעהלען אַ מעשה, אַז אין ווינאַגראַדקע וואָהנט אַ רבי? בְּהֵמָה, ער וועט אייך גאָר ניט גלויבען.

(פֿאָרטזעטצונג קומט.)

י. דינעזאָהן.

דערווייל בעפעסטיגען זיך די איירָאָפּעער אין חינאַ אַליין מעהר. דער רוסישער חיל האָלט שוין ביים סוף פון זיין מלחמה אין מאַנדשוריען, כמעט דאָס גאַנצע לאַנד איז שוין אין די הענד פון רוסלאַנד. דער חינעזישער חיל צולויפט און אפילו מוקדען, די הויפּטשטאָדט פון מאַנדזשוריען, איז איינגענומען געוואָרען אָהן פיעל בלוטפערגיסען. דער פעראייניגטער חיל צוזאַמען האָט איינגענומען די פעסטונגען, וואָס ליגען ביי טאַקו, כדי פריי צו מאַכען דאָס גאַנצע שטיק לאַנד פון ים ביז פעקין. צו דערזעלבער צייט האָבען אָנגעהויבען די רוסען, יאַפּאַנער און אַמעריקאַנער אַרויסטרעטען פון פעקין, צו ווייזען דערמיט, אַז זיי האַלטען מלחמה ניט מיט דער רעגירונג, נאָר מיט די אַנהענגער פון דעם „גרויסען קולאַק". עס ווערט אויך איצט געפּלאַנט אָנצופאַלען אויף די חינעזישע קריעגסשיפען, כדי זיי צו נייטהען זיך אונטערצוגעבען. דערמיט וועט ווערען אין גאַנצען געבראָכען די קראַפט פון חינאַ, און די רעגירונג וועט מוזען מַסְכִּים זיין אויף אַלע תנאים, וועלכע די פרעמדע מלוכות וועלען איהר פערשרייבען. אַז די תנאים וועלען זיין ניט גרינג, בעווייזט דער צירקולאַר פון דער פראַנצויזישער רעגירונג, וועלכער וויל פון חינאַ אייגענטליך צונעהמען יעדע זעלבסטשטענדיגקייט און איהר שטעלען אין גאַנצען אין די אַבהענגיגקייט פון די פרעמדע. אַזאַ שלום וועט זיין פאַר די חינעזער אַ צו שווערער יאָך, און ער וועט אויך לאַנג ניט קענען אויסהאַלטען.

---

איצט, ווען דאָס קומענדיגע פּאָליטישע לעבען פון עסטרייך איז פערדעקט מיט אַ פינסטערען וואָלקען, שפּראָצט אַרויס אַ נייע פּאַרטיי, די פּאַרטיי פון די פּאַטריאָטען; די פּאַרטיי וויל נעהמען אויף זיך צו מאַכען שלום צווישען אַלע פעלקער פון עסטרייך און שטאַרקען אין זיי די ליעבע און די צוגעבונדענקייט צו דער עסטרייכישער מלוכה. די נאַציאָנאַלע אינטערעסען האָבען אין עסטרייך צושיידט די פעלקער, די אינטערעסען פון די איינצעלנע נאַציאָנען ווערען איצט ביי יעדען אונטערטהאַן העכער געשטעלט ווי די אינטערעסען פון דער מלוכה, און דאָס טראָגט אין זיך די גרעסטע סכנה פאַר די מדינה. אויסצולייזען דאָס לאַנד פון דעם קומענדיגען אומגליק נעהמט זיך די פּאַרטיי פון די פּאַטריאָטען, וועלכע וויל אַלעמען צופריעדען שטעלען; דאָס פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי פערלאַנגט, מען זאָל רעגולירען די לאַגע פון די איינצעלנע לענדער, וואָס געהען אַריין אין די עסטרייכישע מלוכה, געבען דעם פאָלק גרעסערע רעכטע ביי די וואַהלען, אין די פאָלקסשולען זאָל געלערנט ווערען אין דער אייגענער שפּראַך פון יעדעם פאָלק, עס זאָלען אָבגעהיט ווערען די נאַציאָנאַלע רעכטע פון דעם קלענערען טהייל, די דייטשע שפּראַך דאַרף בלייבען די רעגירונגסשפּראַך אין דער הויפּט־פערוואַלטונג און אין חיל, פערבעסערונגען אין דער לאַגע פון די אַרבייטער, — דאָס אַליין זאָל דערגרייכט ווערען דורך דעם, אַז אין פּאַרלאַמענט זאָל געשאַפען ווערען די מעהרהייט פון דער נייער פּאַרטיי, וועלכע זאָל זעהן צו שטיצען די רעגירונג און מאַכען שלום צווישען די פערשידענע פעלקער.

אַזוי גיך קענען אָבער קיין גרויסע פּאַרטייען ניט געשאַפען ווערען און עס איז דערום ווייניג האָפנונג פאַראַן, אַז די נייע פּאַרטיי זאָל שוין אין דעם איצטיגען פּאַרלאַמענט קענען שפּילען אַ וועלכע ס'איז ראָליע, און די פּאָליטישע לאַגע פון עסטרייך בלייבט דערום נאָך אַליין אין דערזעלבער דונקעלהייט.

---

דער מלך פון פרס האָט געענדיגט זיינע וויזיטען צו די איירָאָפּעאישע מלוכות מיט אַ וויזיט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. זיין קומען צו גאַסט צו דעם סולטאַן איז געוועזען פערבונדען מיט פיעל שוועריגקייטען, ווייל דער טערקישער סולטאַן האַלט זיך פאַר דעם פערטרעטער פון אַלע מאַחמעדאַנער אויף דער וועלט, די פּערסער אָבער געהערען צו אַ מאַחמעדאַנישער סעקטע, וועלכע האַלטען ניט פון דער הייליגקייט פון דעם סולטאַן, דער טערקישער עטיקעט פערלאַנגט דערום, אַז יעדער מאַחמעדאַנער, וואָס מעלדעט זיך צום סולטאַן, זאָל איהם קושען די האַנד. לאַנג האָט מען געפיהרט ויכוחים, ווי זאָל דער שאַך פון פרס אָנגענומען ווערען. זאָל ער ניט קושען די האַנד, זאָגט זיך דערמיט דער סולטאַן אָב פון זיין פיהרערשאַפט ביי אַלע מאַחמעדאַנער, קושען די האַנד האָט אָבער דער מלך פון פרס ניט געקאָנט, ווייל ער וואָלט דערמיט בעליידיגט די רעליגיעזע געפיהלען פון זיין פאָלק. נאָך לאַנגע ויכוחים איז דאָך אָנגענומען געוואָרען, אַז דער שאַך וועט אויפגענומען ווערען מיט דעמזעלבען פּאַראַד, ווי עס איז אויפגענומען געוואָרען פאַר 2 יאָהרען דער קייזער ווילהעלם. דעם שאַכ'ס זיין אין טערקיי האָט דערמאָנט אָן די אַמאָליגע גלענצענדיגע טעג פון דער טערקישער מלוכה, וועלכע זענען שוין לאַנג פערשוואונדען. די טערקישע צייטונגען רעדען איצט וועגען דער פעראייניגונג פון אַלע מאַחמעדאַנער. מאַחמעדאַנער זענען דאָ אויף דער וועלט ביז 190 מיליאָן, און זייער פעראייניגונג וואָלט זיי געקענט באמת געבען די קראַפט און דעם גלאַנץ, וועלכען זיי האָבען אַמאָל געהאַט.

י. ל.

---

## תקנות פון דעם אקציען־קלוב אין דער יודישער קאָלאָניאַל־באַנק.

ווי עס איז בעקאַנט, קען יעצט די יודישע קאָלאָניאַל באַנק נישט מעהר אָבגעבען אַקציעס אויף אויסצוצאַהלען אין ראַטען, נאָר אַרויסגעבענדיג איין אַקציע מוז זי בעקומען דאָס גאַנצע געלד. ווייל עס געפינען זיך אָבער אויך יעצט פיעל מענשען, וועלכע ווילען נעהמען אַקציעס אויף אויסצאַהלען, דערום האָט זיך געמאַכט אַ חברה מיט דעם נאָמען: „יודישע קאָלאָניאַל באַנק אַקציען קלוב", און איהר ציעל איז צו פערקויפען אַקציעס אויף אויסצאַהלען.

די תקנות פון דער חברה זענען די דאָזיגע:

אין לאָנדאָן ווערט געעפענט אַ פערוואַלטונג, וועלכע וועט פיהרען אַלע חברות אָדער קלובען, וואָס וועלען זיך גרינדען אין פערשיעדענע ערטער. דער צוועק פון די קלובען איז צו געבען די מעגליכקייט זייערע מיטגליעדער, דאָס זיי זאָלען קענען קויפען אַקציעס דורך קליינע וועכענטליכע צאַהלונגען.

די פערוואַלטונג וועט ווערען געפיהרט פון אַ קאָמיטעט, וועלכער ווערט אויסגעקליבען אַלע יאָהר דורך דעלעגאַטען פון די קלובען.

די פערוואַלטונג וועט לאָזען דרוקען בויגען מיט מאַרקען צו 90 שטיק אין יעדען, און דערצו ביכליך, אין וועלכע די מאַרקען וועלען ווערען איינגעקלעבט. פאַר יעדען בויגען וועט מען בעצאַהלען לויט דעם נאָמינאַל ווערט פון די מאַרקען; נאָר דעם ערשטען בויגען וועט מען געבען אָהן געלד געגען אַ בטוחות פון דער חברה. די פערוואַלטונג וועט קויפען אַקציעס און ווי מען וועט איהר אַריינשיקען אַ ביכיל מיט איינגעקלעבטע מאַרקען, וועלכע האָבען דעם ווערט פון איין אַקציע, וועט זי באַלד אַריינשיקען דערפאַר איין אַקציע. די קאָסטען פון די מאַרקען ביכליך וכדומה, אויסער פּאָרטאָ, וועט די פערוואַלטונג נעהמען אויף זיך, און אויף דעם וועט זי צונויפנעהמען נדבות און איינשרייבגעלד פון די מיטגליעדער.

די מאַרקען וועלען זיין געדרוקט אויף ווייס פּאַפּיר מיט אַ מגן־דוד, 12 שטערען און מיט דעם בילד פון דר. הערצל.

יעדער קלוב מוז האָבען אַ פּרעזידענט, וויצע פּרעזידענט, 2 קאַסירער, אַ סעקרעטאַר, 2 רעוויזאָרען און אַ קאָמיטעט פון 5 מיטגליעדער.

יעדער קלוב מוז פיהרען ביכער; אַ רעיעסטער פון די מיטגליעדער.

אין די ביכער מוז געפיהרט ווערען אַ „סובסקריבציאָנסקאָנטאָ", אויף וועלכען עס ווערען איינגעשריעבען די וועכענטליכע צאַהלונגען פון די מיטגליעדער; איין „אַקציען־קאָנטאָ", פון וועלכען מען זאָל אַרויסזעהען וויפיעל אַקציעס דער קלוב האָט געקויפט און פערקויפט, און אַ „מאַרקען־קאָנטאָ" נאָכצוווייזען וויפיעל מאַרקען ער האָט געקויפט און פערקויפט. יעדען מאָנאַט מוז דער קלוב האָבען אַ בילאַנץ (חשבון) און אַריינשיקען דער פערוואַלטונג אין לאָנדאָן.

יעדער מיטגליעד צאַהלט איינשרייבגעלד 1 שילינג (45 קאָפּ.) און בעקומט אַ ביכיל אומזיסט, פאַר די מאַרקען צאַהלט ער לויט נאָמינאַל־ווערט.

אַלע איבריגע פּרטים קען מען בעקומען פון סעקרעטאַר פון דער פערוואַלטונג לויט אַדרעסע.

The Jewish Colonial Trust Share Club
Head Office Billiter Buildings, London E. C.

---

## יוּדִישֶׁע שְׁטֶעדְט אוּן שְׁטֶעדְטלִיךְ.

עס איז געוועזען און עס האָט געלעבט אין דעם שטעדטיל זינקאָוו (פּאָד. גוב.), אַ יוד, וואָס האָט פערמאָגט עטליכע רובל און האָט פאַר זיין געלד אַלעס געקויפט אין זיין לעבען, מיט אַלעם געהאַנדעלט. ער האָט געקויפט אַ שטוב ער זאָל האָבען וואו צו וואָהנען,

געקויפט פאַר זיך קליידער ער זאָל ניט געהן נאַקעט, געקויפט האָליץ און שטרוי אויף צו הייצען עס זאָל איהם ווינטער זיין וואַרעם, געקויפט אַ „שטאדט" אין שול מיט די פיינסטע „עליות", ער זאָל זיין אַ שענער יוד, ער האָט געוואָלט ווערען גבאי האָט ער זיך געקויפט גבאות, אפילו לייטישע איידעמליך פאַר זיינע טעכטער מיט מיוחסים'דיגע מחותנים האָט ער אויך געקויפט פאַר גוטע געלד, „אין בייטעל זיי צוגעצאהלט", יעדען יום כפור האָט ער געהאַט די שענסטע כפרה און סכות דעם בעסטען אתרוג, דעם גרינסטען לולב און אַלעס פאַר געלד, די בעסטע מצוות האָט ער זיין גאַנץ לעבען אויף דער וועלט אוועקגעקויפט, נאָר אָט איז געקומען פאַר דעם זינקעווער יודען אַזאַ צייט ווען ער האָט זיך אָנגעהויבען רעכטען איבערצוגעהן אויף יענער וועלט, וואָס טהוט מען איצטער ? ווי אַזוי קויפט מען אַוועק דעם גן־עדן, חאָטש אַ שענע „שטאדט", דאָרט, ער איז גערייט צו בעצאָהלען וויפיעל מען וועט נור פערלאַנגען, זיך ניט דינגען, אַבי קויפען אַ שטאָדט אין גן־עדן, נאָר דורך וועמען, דורך וועלכע מעקלערס ? דער זינקעווער יוד האָט לאַנג געטראַכט און האָט געפונען אַזאַ מעקלער, וואָס האָט צו פערקויפען שענע „שטעדט" אין גן־עדן — ער איז אַוועק צום זינקעווער רבי'ן, ר' פנחס'יל זאָל לעבען, איהם געגעבען צוויי טויזענד רובל, און דער רבי האָט איהם אַרויסגעגעבען אַ צעטיל, אַז פאַר די צוויי טויזענד רובל, וואָס ער האָט בעקומען, איז ער זיך מתחיב, דאָס ווען הגביר ה"ר נ. וועט שטאַרבען, זאָל ער ערשטענס זיין אויף דער לויה, צווייטענס איהם מאַכען אַ אֵל־מָלֵא־רַחֲמִים און דריטענס זאָל ער די נשמה פון הגביר ה"ר נ. אַרויסראַטעווען פון גהינם און זי אַריינפיהרען אין די אויבערשטע שטאָקען פון גן עדן.

נאָר אַ מענש טראַכט און גאָט לאַכט. דאַכט זיך גוט בעוואָרענט, בעצאָהלט און געמאַכט צווישען זיך אַ קאָנטראַקט, זיך אָבגעשריבען מיט דעם רבי'ן אויף פאַפיער, ווי קען מען זיך נאָך מעהר בעוואָרענען? דאַרף זיך צום אומגליק אָבער אַזוי מאַכען, אַז ווען הגביר ה"ר נ. איז געשטאָרבען, איז דער רבי גראַדע געוועזען אין אַלט קאָנסטאַנטין וואו ער האָט דאָרט זיינע שאָף געשוירען.

מילא איבערפיהרען דעם גביר'ס נשמה פון גהינם אין די אויבערשטע שטאָקען פון גן־עדן קען דער רבי אויספיהרען אין אַלע צייטען און וואו ער זאָל זיך ניט געפינען, אָבער דאָך האָט ער $^2/_3$ פון דעם קאָנטראַקט ניט אויסגעפיהרט, ער איז ניט געוועזען אויף דער לְוָיָה און ניט געמאַכט קיין אל־מלא־רחמים.

דער איינציגער יורש, דעם גבירס אַ זוהן, האָט דעם רבינס צעטיל געפונען צווישען זיין טאַטענס געלד־פאַפּירען, און ווי מען שרייבט פון דאָרט דער צייטונג „וואהלין", גיט דער זוהן אָן אין סוד אויף דעם רבי'ן און ער מאָנט צוריק די צוויי טויזענד רובל, ווייל ער האָט צוויי דריטעל פון דעם כתב ניט מקיים געוועזען.

— סטייטש, טענה'ט דער יורש, מיין טאַטע האָט זיך אַזוי זיכער פערלאָזט אויף דעם רבי'ן, צום סוף האָט ער איהם געשטעלט אין דער בלאָטע.

און ווי איהר זעהט טאָר מען זיך היינטיגע צייטען אויף קיינעם ניט פערלאָזען, אפילו ניט אויף קיין רבי'ן.

אין דער בלאָטע זענען נעביך געבליבען שטעהן אויך די דאלינאַווער נשרפים, אויך דערפאַר וואָס זיי האָבען זיך פערלאָזט מיט הילף אין זייער אומגליק אויף די פאסטאַווער חסידים.

פון פ א ס ט א וו י (ווילנער גוב.) שרייבט מען אונז: פאַר די דאלינאַווער נשרפים, וועלכע זענען געבליבען אָהן ברויט און אָהן וואָהנונגען האָט מען ביי אונז צוזאַמענגעקליבען נדבות עטליכע און צוואַנציג רובל. דאָס געלד האָט מען איבערגעגעבען דעם רב.

דער רב, ווי עס ווייזט אויס, האָט אָבער קיין צייט ניט זיך צו פערנעהמען מיט אַזעלכע קלייניגקייטען און האָט דאָס געלד איבערגעגעבען איינינע חסידים, די פיהרער פון שטעדטיל. די לעצטע האָבען אַוועקגעלעגט דאָס געלד און עס איז געלעגען און געלעגען... עס איז אַוועק אַ חודש, צוויי און מעהר... די מתנדבים, מיינענדיג אַז זייערע נדבות זענען אָנגעקומען צו די נשרפים אין דערצייט, האָבען זיך בערוהיגט וואָס זיי האָבען אויך איין אנטהייל גענומען אין יענעמס אומגליק, נאָר דורך אַ סבה, וועלכע איך קען דאָ ניט ברייננען, האָט מען זיך דערוואוסט, אַז די נדבות זענען ניט אָבגעשיקט געוואָרען. עס איז געוואָרען אַ געשריי מיט אַ געפילדער: וואו איז דאָס געלד? פאַר וואָס האָט מען עס ניט אָבגעשיקט? די שולדיגע האָבען געענטפערט אַז זיי האָבען ניט קיין אַדרעס צו וועמען צו שיקען, דער אַדרעס פון קאָמיטעט טויג פאַר זיי ניט, דורך אַ צייטונג אַוועקשיקען דאָס געלד פאַסט ניט פאַר חסידים, אין אַזוי ווי פון דער שרפה אָן איז שוין אַוועק אַ פאָר חדשים, דערום האָט מען געזאָגט אַז מען זאָל דאָס געלד אַוועקגעבען אויף דעם חסידישען שטיביל און עס איז טאַקי אַזוי געבליבען.

נאָר דערפון האָט זיך ביי אונז אָנגעהויבען גרויסע מחלוקת, די חסידים קענען ניט שענקען די יונגע לייט, וואָס האָבען די געשיכטע אויפגעמישט. מיר וועלען דאָס ניט דערלאָזען אַז אַזוינע יונגע שנעקעס זאָלען זיך גאָר מישען אין קהל'שע זאַכען. ווען ביי אונז איז פאַראַן צונויפגעקליבענע געלד, וועלען מיר אַליין וויסען וואָס צו טהון דערמיט, און דאָס איז ניט זייער זאַך צו זאָגען אונז דעות און דעריבער הבה נתחכמה... וואָס טהוט מען מיט זיי?

„דאָס האָבען אַליץ אָנגעמאַכט די חובבי ציון", זאָגען זיי, „פריהער אַז קיין ציוניסטען זענען ניט געוועזען האָבען זיך קיין יונגע שנעקעס ניט געמישט אין קהל'שע זאַכען", און טאַקי אין בית־המדרש האָבען זיי געשריען אַז די חובבי ציון זענען אפיקורסים גמורים און מען טאָר מיט זיי אין איין בית־המדרש ניט דאַווענען.

„מען טאָר ניט דאַווענען אין איין שול" שרייען איצטער אויך די 5 סאָרטען חסידים וועלכע געפינען זיך אין ל ע נ ט ש י ץ (קאלישער גוב.). אונזערע חסידים לעבען איצטער איבער אַ שלעכטע צייט, שרייבט אונז פון דאָרט ה' מ. פיאנטקאָווסקי. די פאליציע האָט פלוצים פערמאַכט אַלע חסידישע שטיבליך און געהייסען די חסידים דאַווענען אין שול, וואו אַלע יודען דאַווענען. עס איז טרויריג און פינסטער געוואָרען אין אונזער שטאָדט, ניט דאָ וואו צו טרינקען אַ ביסיל בראַנפען, די שטיבליך זענען פערמאַכט, אין שול לאָזט דער גבאי ניט טרינקען, באַלד נאָך דעם דאַווענען פערמאַכט מען די שול, אין „מאנאפאל" לאָזט מען אויך ניט טרינקען. שווערע צייטען, ביטערע צייטען, שטיל און חרוב איז לענטשיץ, מען הערט ניט קיין געזאַנג, טאַנצען און שפרינגען ווי פריהער אין די חסידישע שטיבליך און די חסידים קלאָגען זיך אַז זיי האָבען ניט וואו צו דאַווענען, אין שול שטעהט זיי ניט אָן צו דאַווענען צוזאַמען מיט דעם המון־עם און בכלל, ווי קענען פינף סאָרטען חסידים פון פינף בעזונדערע גוטע יודען דאַווענען צוזאַמען, אַז יעדע סאָרט זאָגט אַז איהר רבי איז בעסער, איהר רבינ'ס תורה איז ריכטיגער. „מיר טאָרען ניט דאַווענען אין איין שול" הערען זיי ניט אויף צו שרייען און ווילען שיקען אַ חאדאטאי קיין פעטערבורג אַז מען זאָל אַראָבנעהמען די גזירה און מען זאָל עפענען זייערע שטיבליך.

נאָר דערווייל דאַווענען די חסידים אין פאָליש פון דער שול, יעדע סאָרט חסידים אין אַ בעזונדער ווינקעל, מיט בעזונדערע חזנים, די ווינקלען זענען אפילו נאָהענט איינער פון אַנדערן, נאָר פאָרט אָבגעטהיילט. אַבי ניט צוזאַמען.

אֱמֶת.

---

## מען שרייבט אונז.

פינסק. ד אָ ס פ ר אָ ג ר אַ ם פ ו ן ד י חֲ דָ רִ י ם. דאָס פראָגראַם פון אונזערע חדרים איז איינגעטהיילט אויף 5 יאָהר; אין 5 חדרים, צו איין יאָהר אין יעדען חֶדֶר. קינדער ווערען אָנגענומען פון 5 יאָהר אָן. די וואָס האַלטען ניט אויס דעם עקזאמען, בלייבען אויף 2 יאָהר אין איין חדר.

אין דעם ערשטען חדר לערענט מען פון 10 ביז 3 אַ זייגער, אין די איבעריגע חדרים פון האַלב צעהן ביז האַלב פיער, פרייטאָג ווערט געלערענט נור ביז איינס.

פֿרייט אייך דאָ צו זעהען". אבוש ווייס איז דערנאָך גערופֿען געוואָרען אין די קאבינעטס-קאנצליי וואו מען האָט איהם אויסגעצאָהלט אַ סומע געלד וועלכע געהער צו די בעזיצער פֿון דער דאָזיגער מעדאיל און וועלכע ער האָט ביז איצט נישט בעקומען.—

*** רעליגיעזער צוואַנג. אין גאליצישען קוראָרט קריניצע איז אַ יוד פֿאַרבייגעגאַנגען די גאַס בשעת ס׳איז געוועזען אַ-קאטאלישע פּ־אצעס׳אָן און האָט זיך נ׳שט אויפֿגעדעקט דעם קאָפּ. א זשענדאַרם האָט דאס בעמערקט און בעטראַכטעט אַלס אויפֿרייצען פֿון דער קאטאלישער רעליגיאָן און האָט דעם יודען תפוס גענומען. דען 1 אָקטאָבער איז דער יוד אין ניי-סאנדעץ גע׳משפט געוואָרען צו זיצען אין תפיסה 2 וואָכען. אַזוי זענען זיך נוהג געגען יודען דיזעלבע פּוילען וואָס בעקלאָגען זיך שטענדיג מיט רעכט איבער זייער גערויבטער פֿרייהייט אין פּרייסען וואו מען צווינגט זיי די קינדער צו לערנען רעליגיאָן אין דייטשער שפּראַך נישט אין פּוילישער!

*

רוסלאַנד. = סענאַטס ערקלערונגען. דער סענאַט האָט ערקלערט, אַז ווען אַ יוד פֿאָהרט איבער פֿון איין דאָרף אין איין אַנדערעס וועלכעס איז ווייט נישט מעהר ווי איין האַלב ווערסט, הייסט דאס נישט מעהר ווי איבערציעהען זיך אין איינע וואָהנונג און ער איז דערמיט ניט עובר די געזעצען פֿון וואָהנרעכט. דער אוקאַז איז געשיקט געוואָרען דעם $^{22}/_{8}$ 1900 צום ווילנער גובערנסקע פּראַװלעניע אונטער נו׳ 8839.

= ווי דער „וואסחאד" איז מודיע האָט דער סענאַט צוליעב די וואַהלען פֿון אַ ראבינער אין קישינעוו בעקלערט די פֿראַגע וועגען דער אָרדנונג פֿון ראבינער-וואַהלען, און געפּסקנט אַז ביי די וואַהלען דאַרפֿען די מיטגליעדער פֿון די שולען געבען זייערע שטימען אַליין און נישט אויסקל׳יבען פֿון זיך דעלעגאַטען, וועלכע זאָלען אויסקלייבען דעם ראבינער.

= דער סענאַט האָט ערקלערט. אַז וויל קינדער זענען מחויב אויסצוהאַלטען זייערע שוואַכע עלטערן, דערום טאָר מען נישט ארויסטרייבען פֿון די דערפֿער אַלטע שוואַכע יודען, וועלכע וואָהנען ביי זייערע קינדער.

= דער „בעסאַראַבעץ" איז מודיע, אַז נישט לאַנג האָבען זיך 14 יודען ווייןהענדלער געווענדט מיט אַ בקשה צו דער גובערנסקע פּראַװלעניע, אַז מען זאָל זיי ערלויבען אריינפֿאָהרען אויף אַ צייט אין די דערפֿער פֿון קישינעווער אויעזד, כדי צו קויפֿען ביי די פּויערים וויין און וויינטרויבען. דערביי האָבען זיי זיך געקלאָגט דאס יעדעס מאָל בשעת איינער פֿון זיי קומט צו פֿאָהרען אין אַ דאָרף פֿאָדערט מען ביי זיי איין ערלויבעניש פֿון דער גובערנסקע פּראַװלעניע. די גובערנסקע פּראַװלעניע האַט מודיע געווען דעריבער דער פּאָליציען אַז מען זאָל נישט שטערען יודען ארומפֿאָהרען אין די דערפֿער, כדי צו קויפֿען פֿאַרטיגען וויין, אויב די יודען מאַכען נור נישט קיין שום שווינדעל און די פּאָליציע דאַרף נור אכטונג געבען אויף די יודען בשעת זיי פֿאָהרען אריין און וואָס זיי טהון אין די דערפֿער.

= אין קיעוו האָט מען נישט לאַנג ארויסגעגעבען אַ סווידיעטעלסטוואָ אויף אַ מלמד, צו עפֿענען אַ חדר און צו לערנען יודישע קינדער תורה און יודיש שרייבען און לייענען — דעם דאָקטאָר בענדערסקי.

= פֿון אָדעסאַ איז מען מודיע, אַז דער אָדעסער קאָמיטעט האָט בעשלאָסען אויף דער זיצונג פֿון כ״ט אלול צו עפֿענען ווידער די יפֿו׳ער שולען פֿיר מיידליך און יונגליך און צו בעמיהען זיך אַז מען זאָל זיי פֿיהרען אין יודישען גייסט און זיי זאָלען האָבען אַ פֿעסטען קיום.

— אין אָדעסאַ איז געשטאָרבען ה. י. אייכענוואַלד וועלכער האָט פֿערטרעטען די שטעל פֿון אַ ראבינער זייט דר. גורלאַנד איז געשטאָרבען. די געמיינדע האָט איהם אָבגעגעבען גרויס כבוד. אויך די בעהערדען פֿון שטאָדט האָבען טהיילגענומען אין זיין לויה.

— די אונטערזוכונג וועגען די אונרוהען וועלכע זענען געווען אין אָדעסאַ דען 16 און 17 יולי זענען כמעט אין גאַנצען געענדיגט און אין גיכען טרעט מען צו צום אָבדרוקען דעם אַנקלאַגע-אַקט, וועלכער איז זעהר גרויס. דער משפט וועט זיין אין דער אָדעסער סודעבנע פּאַלאַטע. גע׳משפט וועלען ווערען 40 פּערזאָנען, איבערהויפּט, אַזעלכע וואָס האָבען אַנגערייצט צו די אונרוהען.

— יום-כפור האָט מען אין דער פּעטערבורגער גרויסער שוהל ביי הזכרות נשמות אויך מתפלל געווען פֿאַר דער נשמה פֿון דעם בעריהמטע רוסישען שריפֿטשטעלער וואלאדימיר סערגעיעוויטש סאָלאָוויעוו.

*

דייטשלאַנד. *** די בערלינער חברה „עזרא", צו שטיצען יודישע ערדאַרבייטער אין ארץ ישראל, האָט אנגעהויבען ארויסגעבען בראשירען אונטער דעם נאָמען „מיטטהיילונגען" אין וועלכע עס וועט בעריכטעט ווערען איבער דעם מצב פֿון די קאָלאָניעס און די חברה „עזרא". אין דער ערשטער בראשורע זענען געדרוקט אייניגע אַרטיקלען און דער בעריכט פֿון דער טהעטיגקייט פֿון „עזרא" אין די לעצטע 2 יאָהר: פֿון אָנפֿאַנג 1899 ביז איצט איז די צאָהל פֿון די מיטגלידער פֿון „עזרא" פֿערמעהרט געוואָרען פֿון 3200 אויף 4985. אין 1899 יאהר זענען די הכנסות געווען 16,034 מאַרק און דעריבער האָט דער „עזרא" געקאָנט געבען מעהר שטיצע ווי אין די פֿריהעריגע יאָהרען. ער האָט געשטיצט די קאָלאָניע „מחנים" מיט 20,000 און די אַרבייטער-קאָלאָניע „עזרא" נעבען „רחובות" מיט 3,000 פֿראַנק. צום סוף פֿון בעריכט ווערט דערמאַנט אַז אויך דער אָדעסער קאָמיטעט האָט היינטיגס יאָהר מעהר הכנסה געהאַט (אַ ערך 75,000 רובל) און אויך אין אַנדערע לענדער ווערט דאס אינטערעסע צום הייליגען לאַנד וואָס אַמאָל גרעסער און שטאַרקער.

*

ענגלאַנד. *** אין דער ענגלישער אַבטהיילונג פֿון דער פּאַריזער וועלט-אויסשטעלונג איז פֿאַראַן אַ קאַרטע פֿון דער שטאָדט לאָנדאָן אויף וועלכער ס׳זענען פֿערצייכענט די 33 שיהלען פֿון לאָנדאָן. 25 פֿון זיי געפֿינען זיך אין ווייטשעפּעל, אין דעם טהייל שטאָדט וואו עס וואָהנען אַם מייסטען רוסישע יודען. אויף איין אַנדערער סטאַטיסטישער קאַרטע זענען פֿערצייכענט אין בילדליכער דאַרשטעלונג די מדרגות פֿון עשירות אין לאָנדאָן. דער איסטענד, וואו עס וואָהנען אַם מייסטען יודען שטעהט אויף דער 45-סטער, ד. ה. איין זעהר נידריגע מדרגה. דאַגעגען אָבער שטעהען די יודען אין אַ זעהר הויכער מדרגה אין דער צאָהל פֿון געבורטען, צווישען די רייכערע יודען בעטראָגען די געבוירענע 13 פּראָצענט און צווישען די אָרימע 39,9 פּראָצענט. לײדער שטאַרבען אויך צווישען די אָרימע אַ פֿיעל גרעסערער פּראָצענט, חאָטש די שטערבליכקייט דערגרייכט נישט ביי די לאָנדאָנער יודען די העכסטע צאָהל ווי ביי אַנדערע איינוואָהנער. די שטערבליכקייט ביי יודען איז 22 פּראָצענט, ביי אַנדערע 25 פּראָצענט. די וואָהנונגס-פֿערהעלטניסע אין איסטענד זענען אַזוי, אַז עס וואָהנען אין איין איינציגען חדר מעהרערע נפשות. אַלס פּירוש צו די קאַרטען געפֿינט זיך אין דעם אויסשטעלונגס-חדר אַ ניי בוך, אין וועלכען ס׳ווערט געשילדערט דאס לעבען פֿון די יודען אין איסטענד, וואו זיי בעזעצען זיך צווישען דעם נידריגסטען המון פֿון פֿערברעכער און שכורים און זענען איבערגעגעבען אַ גרויסער סכנה פֿאַר דעם גוף און דער נשמה. נאָר „די יודען אין איסטענד— הייסט עס אין דעם בוך — זענען געשיצט פֿון דער סכנה דורך פֿיעל מיטלען": 1) דורך זייער לערנען גמרא וועלכער שאַרפֿט זייער גייסט, 2) דורך זייער פֿערגאַנגענהייט וועלכע האָט אין זיי דערוועקט און אויסגעבילדעט אַלע גייסטיגע כחות. 3) דורך די מנהגים פֿון יודישען געזעץ וועלכע בעוואָרנען דורך זייער היגיענישען און מאָראַלישען ווערטה דעם יודען פֿון פֿיעל קראַנקהייטען."

= די נאַציאָנאַל-ביבליאָטהעק אין ירושלים. ה׳ דוד יעלין, אַ בעקאַנטער העברעאישער שריפֿטשטעלער, פֿאָהרט יעצט אַרום אין פֿערשיעדענע שטעדט אין אייראָפּאַ, כדי מעורר צו זיין אונזערע ברידער, אַז זיי זאָלען געבען נדבות אויף דעם בנין פֿון דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטהעק אין ירושלים.

ווייענדיג אין לאָנדאָן האָט ה׳ יעלין פֿיעל פּועל געווען. ה׳ אַבראַהאַמס, אַ בעוואוסטער געלעהרטער, וועלכער איז געווען פֿאַר אייניגע יאָהר אין ירושלים, האָט געשריעבען וועגען דער ביבלאָטהעק איין גרויסען אַרטיקעל אין „דזואיש קראָניקל" און אויסער דעם צושיקט איין אויפֿרוף און געשריבען בריעף צו פֿערשיעדענע פֿאָרנעהמע מענשען אין לאָנדאָן. לעת-עתה האָבען געגעבען זייערע נדבות אויף דער ביבלאָטהעק: ראָטשילד, קלאָד מאָנטעפֿיורי, פ. ד. מאָקאַטאַ, סבג-מאָנטעפֿיורי, ראבינער אַדלער און אַנדערע.

פֿון לאָנדאָן פֿאָהרט ה׳ יעלין אין דעם ענין קיין פּאַריז און פֿראַנקפֿורט.

*** ציוניזם אין ענגלאַנד. די „וועלט" שרייבט, דאָס לויט מען בעריכטעט איהר פֿון לאָנדאָן, האָבען זיך 60 קאַנדידאַטען פֿון פּאַרלאַמענט ערקלערט פֿאַר ציוניזם און זאָגען-צו איהם אונטערשטיצען אין פּאַרלאַמענט. די קאַנדידאַטען געהערען צו פֿערשידענע פּאָליטישע פּאַרטייען. בעזונדערס האָבען זיך דריי יודישע קאַנדידאַטען מר. ב. ס. שטראוס, סער יצראַל האַרט און מר. ה. רפאל זעהר וואַרעם אויסגעדריקט איבער ציוניזם.

*** אין מאַנשעסטער איז פֿאַר צוויי וואָכען געווען אַ גרויסע אסיפה אין וועלכער דער בעקאַנטער פֿריינד פֿון ציוניזם פּאַטער איגנאַציוס האָט געהאַלטען אַ וואַרמע רעדע איבער ציוניזם. ער איז זעהר שאַרף ארויסגעטרעטען געגען די יודישע געגנער פֿון ציוניזם און האָט אויסגערופֿען: „אַזוי באַלד מען נעמט דעם יודענטהום דעם ציוניזם אַוועק בלייבט איהם גאָר נישט איבריג!" „צום סוף פֿון דער רעדע,— האָט ער געזאָגט,— מוז איך די יודישע יוגענד דערמאַנען טריי צו בלייבען זייער תורה. איך האָב מיר אָנגעקוקט די רעפֿאָרמירטע טעמפּעל אין ניו-יאָרק און טשיקאַגאָ — דאָס איז אַ טרויריגער און טיעף בעטריבענדער אַנבליק! די איינציגע יודען זענען אין די דאָזיגע שטעדט נור נאָך די ציוניסטישע יודען".

*

טערקיי. *-* אין יודישען פֿירטעל פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט ניט לאַנג אויסגעבראָכען אַ שרפה וועלכע האָט פֿערברענט כמעט דאס גאַנצע יודישע פֿירטעל. אין ווייניגער ווי 5 שעה זענען אָבגעברענט 250 הייזער, צווישען זיי אויך די מזרחי-שול. מעהר ווי 2,000 יודען, די אָרימסטע פֿון שטאָדט זענען געבליבען אָהן אַ היים און ליגען כמעט אויף דער גאַס. דער סולטאַן האָט באַלד געגעבען אַ בעפֿעהל צו פֿערטיילען ברויט פֿאַר די נשרפים. מען האָט באַלד דעפּעשירט צו דער „אַליאַנס" און „ענגליש יודישע געזעלשאַפֿט" און

צו אַנדערע גרויסע יודישע קהלות. ראטהשילד האָט טעלעגראַפיש ארויסגעשיקט די ערשטע הילף 100 פ. שט. (1000 רובל). מיט 18 יאהרען צוריק האָט זיך דאסזעלבע אומגליק געטראפען אין יודישען פירטעל; דעמאָלט האָט דער סולטאַן אליין זיך געשטעלט אין דער שפיצע פון דעם הילפס-קאמיטעט און געגעבען אַלס ערשטע נדבה 25,000 פראַנק.

*** אין גאלאטע האָבען די עסטרייכישע יודען וועלכע וואָהנען דאָרט געעפענט אַ נייע שוהל מיט זעהר גרויסער פאַראַדע. צווישען די געסט זענען געוועזען 4 יודישע לייב-דאָקטוירים פון סולטאַן און אַנדערע פערזענליכקייטען. דער קאָנסטאַנטינאָפּאלער חכם באשי האָט געזאָגט אַ תפלה פאַר דעם סולטאַן וועלכער איז תמיד אַזוי גוט געגען יודען, און שיצט זיי ווי איין גוטער פאטער זיינע קינדער.

*

אמעריקא. *** אין די חדשים יוני, יולי און אויגוסט זענען אין האַפען פון פ י ל א ד ע ל פ י א אנגעקומען 6,077 פרעמדע, דערפון זענען 1791 יודען בעת אין דיזעלבע חדשים מיט אַ יאָהר צוריק זענען אנגעקומען נישט מעהר ווי 537 יודען. פון די פרעמדע יודען זענען 1188 אויס רוסלאַנד, 365 אויס רומע-ניען, 188 אויס גאַליציען, 35 אויס אונגארן, 11 אויס דרום אפריקא 1 אויס דייטשלאַנד און 1 אויס פראַנקרייך; 482 זענען געלערנטע בעלי-מלאכות, און זיי זענען פערטהיילט געוואָרען אויף 48 שטעדט אין די פעראייניגטע שטאַאַטען. נור איין איינציגער עמיגראַנט איז פון דער בעהערדע פון האַפען צוריקגעשיקט געוואָרען.

*** י ו ד י ש ע א ק ט י א ר ע ן. דען 16-טען סעפטעמבער זענען אנגעקומען אין ניו-יאָרק 15 יודישע אַקטיארען, וועלכע זענען בעשטעלט געוואָרען פיר דאס יודישע טהעאטער אין ניו-יורק. די חברה צו שיצען יודישע אקטיארען האָט זיך געסטאַרעט מען זאָל די פרעמדע אנגעקומענע חברים נישט אַריינלאָזען. די פערטרעטער פון דער איינוואַנדערונגס-קאמיסיאָן האָבען געהייסען ביי זיך אין ביורא די אקטיאָרען ווייזען וואָס זיי קענען און זיי האָבען געפונען אַז זיי זענען „ק י נ ס ט ל ע ר" און אַלס קינסטלער האָבען זיי דאס בעזונדערע רעכט אַריינ-געלאָזען צו ווערען.

= אַלע רומענישע יודען, וועלכע זענען געקומען קיין קאַנאדאַ האָט מען אריינגעלאָזט אין מאנרעאל, אויף ערבות פון באראָן הירש שטיפטונג, וועלכע האָט זיך פערבונדען צו פערזאָרגען די עמיגראַנטען און צו שאפען זיי חיונה.

---

# אלגעמיינע וועלט נייעס.

פראנקרייך. = ד ר ײ פ ו ס׳ ס ב ר י ע ף. אויף דעם בריעף פון ה׳ ט ר א ר י ע (דער יוד נו׳ 39) האָט אלפרעד דרייפוס געענטפערט מיט דעם דאָזיגען בריעף: אייער בריעף וועלכען איך האָב ערהאַלטען אין דעם יאהרצייט פון טרויריגען רענער פסק האָט מיך זעהר גערירהרט. איך זעה פון איהם ווי טיעף איהר האָט דורכגענומען מיין געמיט און פערשטאַנען מיין צער. אמת מען האָט מיר צוריקגעגעבען די פרייהייט, איך בין ווייעדער צוזאַמענגעקומען מיט מיינע אייגענע נאָך אַזוי פיעל יאָהר פון שרעקליכער שיידונג, איך האָב געקראָגען פיעל נייע פריינד וועלכע האָבען צוליעב דעם אמת און גערעכטיג-קייט גענומען אויף זיך צו שיצען איין אומשולדיגען קרבן. אָבער די 5 יאָהר פון מיין שרעקליכער געפענגניש האָב איך נור געלעבט מיט דער האָפנונג צו ראַטעווען מיין כבוד. און יעצט זענען די מאָראַלישע פאָלגען פון דער עולה געבליעבען און די גערעכטיגקייט האָט נאָך נישט געטהון איהר זאַך. דאָס ציעל, צו וועלכען איך שטרעב, בלייבט דערום ווייטער צו דערשלאָגען זיך אַז מען זאָל מיין משפט דורכזועהען.

= א י נ ט ע ר נ א צ י אָ נ אַ ל ע ר פ ר ו י ע ן - ק אָ נ ג ר ע ס. אויף דער פאַריזער וועלטאויסשטעלונג זענען געוועזען קאָנגרעסען פון געלעהרטע און חכמים כדי צו בעקלערען פערשיעדענע וויסענשאַפטליכע פראַגען; עס איז אויך געוועזען אַ קאָנגרעס פון פרויען, וועלכע זענען זיך צונויפגעקומען פון דער גאַנ-צער וועלט כדי צו בעקלערען ענינים וועלכע זענען נוגע בעזונדער פרויען און דער פרויענפראַגע בכלל. דער קאָנגרעס האָט זיך ספעציעל פערנומען מיט דער פראַגע פון פרויענערציהונג.

לויט דער מיינונג פון קאָנגרעס דאַרפען די מיידליך בעקומען דיזעלבע ערציהונג אין די שולען ווי די יונגליך. פרויען דאַרפען אַלעס קענען און וויסען גלייך ווי מענער, און חוץ דעם דאַרף מען זיי נאָך צוגרייטען צו זיין גוטע מיטער און בעל-הביתיטעס. מען דאַרף זיי דאַרום לערנען די דאָזיגע זאַכען: די פפליכטען (חובות) פון אַ מוטער, די יסודות פון מעדיצין, כדי צו וויסען די אייגענשאַפטען אין ענטוויקעלונג פון זיין קערפער און גייסט, היימישע היגיעניע, בעל-הבית׳שקייט וכדומה.

סך האָבען פערלאַנגט, אַז מען זאָל געבען די מיידליך אין די שולען איניגע ידיעות, וועגען געזעצען וועלכע זענען נוגע פרויען. דאָס אייגענע זאָל מען אויך לערנען יונגליך.

מען האָט אויסגעדרוקט דעם וואונש, אַז אין אַלע מעדכען-שולען זאָל מען מאַכען פריוטען פאַר אָרימע קליינע קינדער, כדי די מיידליך זאָלען זיך קענען פראַקטיש לערנען ווי צו האָדעווען קינדער.

עס איז געוועזען פיעל וכוחים וועגען דעם אַנטראַג אַז מיידליך און יונגליך זאָלען לערנען צ ו ז אַ מ ע ן אין איין שולע, מען האָט אָנגעוויזען אויף די גוטע פאלגען פון די אַמעריקאַנישע, נארוועגישע, שוועדישע, פינלענדישע און אויך שווייצאַרישע שולען, אין וועלכע עס לערנען יונגליך מיט מיידליך צוזאַמען. דאָס לערנען פון יונגליך און מיידליך צוזאַמען ברענגט צו דעם, דאָס יעדער פלייסט זיך מעהר צו קענען. די מיידליך און יונגליך בעקענען זיך פון קינדווייז אויף און לעגען כבוד איינער אויף דעם אַנדערען. ווען די בעקאַנט-שאַפט לאָזט זיך אמאל אויס מיט אַ חתונה קומט עס שטענדיג פון ריינער ליעבע און נאָך דעם ווי איינער קען גוט דעם אנדערענ׳ס חאראקטער.

די לעצטע זיצונג פון קאָנגרעס האָט זיך פערנומען מיט פראַגען וועל-כע געהערען זיך אָן מיט געזעצען.

די פארזיצערין פון דער זיצונג איז געוועזען מאדאם דיורן, די רעדאקטארין פון דער פרויענצייטונג "La Fronde".

דער דעפוטאט ו י ו י א נ י, האָט געהאַלטען אַ גלענצענדע רעדע, אין וועלכער ער האָט בעוויזען ווי נייטיג עס איז ארויסצוגעבען נייע געזעצען, וועלכע זאָלען שיצען די רעכטע פון די פרויען. די אַלטע אָרדנונג לויט וועלכער דער מאַנספערזאן איז אליין דער העדר אין הויז און די פרוי מוז זיך איהם אונטערגעבען, דאַרף איינמאל פאַר אַלעמאָל אויפהערען. אנשטאט דעם זאל אויפשטעהען אַ נייע פאַמיליע, אין וועלכער מאן און ווייב האָבען גלייכע זכיות די חתונה דאַרף זיין אַ פרייע פערבינדונג צווישען צוויי פערזאָנען מיט גלייכע רעכטע, נאָר אַ ג ע ז ע צ ל י כ ע פערבינדונג. אַ גט דאַרף ווערען איינגעפיהרט אומעטום אויך אין די לענדער וואו ער איז נאָך נישטא ביז אַהער. נאָר דער גט דאַרף ווערען געמאכט נישט פריהער ווי אַ יאָהר נאכדעם ווי מאן און ווייב האָבען בעשלאָסען זיך צו שיידען.

מאַנספערזאָנען זאָל מען נעהמען צו מיליטער דיענסט נישט פריהער ווי אין דעם אלטער פון 25 יאהר. יונגע לייט וועלכע האַלטען אויס אַ ווייב מיט קינדער דאַרפען ווערען אין גאַנצען בעפרייט פון מיליטער-דיענסט.

*

ענגלאנד. = ד י פ ע ס ט. ווי מיר האָבען שוין מודיע געוועזען איז די פעסט אויסגעבראָכען אין ג ל אַ ז ג ו י (ענגלאַנד). די פעסט איז איין אַנ-שטעקענדע קראַנקהייט און זי קומט ווי אַלע אַנשטעקענדע קראַנקהייטען פון אַ בעזונדערען באַציל, וועלכער איז ענטדעקט געוואָרען גלייכצייטיג דורך דר. י ע ר ס ע ן און דעם יאפאנישען דר. ק י ט אַ ז אַ ט אַ.

שטודירענדיג די אופנים ווי עס ווערט צושפרייט די פעסט האָבען די דאָקטוירים איינגעזעהען אַז פאַר דער פעסט אויף מענשען קומט אַ פעסט אויף מייז, מאַלפעס, חזרים און אנדערע טהיערע; דערהויפט געפעהרליך איז די קראַנקהייט אויף מייז, ווייל זיי הויבען דאַמאלס אָן אַרום צו וואַנדערען און פערשלעפען די פעסט אין דער גאַנצער סביבה.

זיך אָנריהרענדיג אָן דעם פגר פון דער מויז שטעקט מען זיך אָן נור דאן, ווען דער פגר איז נאָך ווארם. די סבה דערפון איז ווייל מען שטעקט זיך אָן פון דער מויז דורך די פלעה וועלכע זיינען אויף זיי און טראָגען איבער די זאַראַזע אין דעם בלוט פון מענש שטעכענדיג זיין קערפער. ווען די מויז ווערט אָבער אבגעקיהלט געהען איהם די פלעה אַוועק.

די פעסט ווערט היינט געהיילט דורך 2 מיטלען, וועלכע האָבען ערפונ-דען דר. ח א ו ו ק י ן און דר. י ע ר ס ע ן. דר. חאווקין היילט דורך אימפפען פון אבגעשוואכטע פעסט-באַצילען, וועלכע האַרטעווען דאדורך דעם קערפער געגען אַ שטאַרקערע קראַנקהייט.

דר. יערסען היילט דורך בעזונדערע איינשפריצונגען אין דאס בלוט, וועלכע העלפען אָבער נור אין אַנפאַנג פון דער קראַנקהייט.

---

# אוֹיס יוֹם־טוֹב.

נָאךְ יוֹם־טוֹב, אִין מַחֲזוֹר אִיז מוּטְנֶע אוּן װֶעסְרִיג,
צוּנוּמֶען דִי סוּכָּה, פֶערְװֶעלְקְט אִיז דֶער אֶתְרוֹג,
גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע לִיגֶען דִי גְרִינֶע עֲרָבוֹת...
דֶער לוּלָב אִיז בְּלֵייךְ אוּן װֶעהְט אוֹיס אַ בֶּן־מָוֶת,
צוּטְרֶעטֶען אוֹיף דֶער עֶרד לִיגְט דִי שְׁטִילֶע הוֹשַׁעְנָא...
מַיין לִיעבֶּער, דָאס זֶענֶען דִי הָאפְנוּנְגֶען דַיינֶע.

* * *

דָאס לִיגֶען פֶערְװֶעלְקְט דִי חֲלוֹמוֹת דִי זִיסֶע,
דָאס זֶענֶען צוּטְרֶעטֶענֶע פְרֵיידֶען גֶעװִיסֶע,
דָאס זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע, טְהַייעֶרֶע גְלִיקֶען,
װָאס פְלֶעגֶען אַמָאל דַיין נְשָׁמָה עֶרְקְוִויקֶען,

אַ דָאס איז דיין ליעבע, אַ דָאס איז דיין שטרעבען,
דָאס וועהסטוּ אַ ריכטיגען בילד פֿון דיין לעבען.

* * *

די בלעטליך פערפֿוילען, די ריטליך פערוויאַנען,
עס קומט אָן אַ סוף און מען ווייס ניט פֿון וואַנען —
דער אתרוג וועבט אוים, עס צוברעכט זיך דער לולב,
דער שמש קעהרט קאַלט זיי אַראָב פֿון דעם שול־הויף...
אַ ווינד טהוט אַ וועה, און ווי פייל אויסען בויגען
ווערט אַלעם פערשוואונדען פֿון אונזערע אויגען.

מאררים ראזענפעלד.

---

## דער געשטאָרבענער מלאך.

בייַ מיינע עלטערן בין איך געווען אַ בן יחיד.

איך געדענק, מיין מאַמע פֿיהרענדיג מיך דאָס ערשטע מאָל אין חדר, האָט מיר ערצעהלט פֿון מלאכים, וואָס וואַרפֿען פֿון הימעל פֿאַר וואָהל לערנענדיגע קינדער ראָזינקעס מיט מאַנדלען. די מאַמע האָט טאַקי גאָר קיין ליגען נישט געזאָגט; יעדעס מאָל וואָס איך האָב נור חאָטש מיט אַ ביסיל חשק געלערענט, האָט מיר דער רבי באַלד דער־לאַנגט אַ בייטעל ראָזינקעס מיט מאַנדעלן, זאָגענדיג, אַז דאָס האָט מיר דער מלאך פֿון הימעל אַראָבגעוואָרפֿען... איך האָב מיך צו דעם אַזוי צוגעוועהנט אַז איך האָב דאָס שוין שפּעטער ווי אַ חוב געמאָנט.

ווען מיין מאַמע איז געשטאָרבען, האָב איך שוין געזאָגט „עברי". וואָס דאָס איז „שטאַרבען" האָב איך נאָך דעמאָלט אויף קלאָר נישט געוואוסט... די מאַמע איז געלעגען אויף דער ערד צוגעדעקט מיט עפּיס אַ שוואַרצער זאַך, איך געדענק שוין נישט גוט מיט וואָס,— בייַ איהר צוקאָפּענס האָבען געברענט צוויי ליכט אין די מעשענע לייכטערליך און אויף דעם בויך האָט מען איהר געלעגט אַ שטיקיל ברויט מיט זאַלץ. איך האָב מיך פֿערקוקט אויף דעם ברויט און שטאַרק זיך געחדושט נאָך וואָס מען האָט דאָס אַהער געלעגט? נישט אַנדערש ווי נור פֿאַר שדים!... פֿון שדים האָב איך שוין דעמאָלט זעהר פֿיעל שרעקליכע מעשׂות געוואוסט. ווען נישט פֿאַר שדים, פֿאַר וועמען דען וואָלט מען דאָ געלעגט ברויט מיט זאַלץ?.. דערנאָך איז געקומען אַ שוואַרצער וואָגען און האָט די מאַמען אַוועק געפֿיהרט. זעהר פֿיעל ווייבער וואָס זענען דערביי צוזאַמענגעקומען האָבען שרעקליך געוויינט און מיך האָט עמיץ דעמאָלט אויך געהייסען וויינען, נאָר איך האָב נישט געקענט... די טרעהרען צו בעוויינען גרויסע אומגליקען האָב איך נאָך דעמאָלט נישט געהאַט...

קומענדיג נאָך דעם אין חדר האָב איך געהערט ווי מיינע חברים רעדען צווישען זיך, אַז איך בין אַ יתום און מען טאָר מיך דערפֿאַר נישט שלאָגען. נאָר דאָס איז געווען אַ ליעגען: פֿריהער האָט מען מיך נישט געטאָרט שלאָגען, אַצונד האָט מיך דער בעהעלפֿער וואָס אַמאָל עפּטער געשלאָגען... געלערענט האָב איך היינט מיט אַ סך אַ גרעסערען חשק ווי פֿריהער, נאָר דער מלאך האָט מיר שוין נישט מעהר געוואָר־פֿען קיין ראָזינקעס מיט מאַנדלען... דערפֿאַר משה'לע... איהר ווייסט ווער ס'איז דער משה'לע? מיינער אַ ברודער איז ער! איך בין באמת געווען אַ בן יחיד, נאָר משה'לע איז פֿונדעסט וועגען מיינער אַ ברודער... דער טאַטע האָט איהם אַמאָל געבראַכט צופֿיהרען בייַ דער האַנד און האָט צו מיר געזאָגט.

— נו, חיים'קע, אָט דער איז דיינער אַ ברודער... און דאָס איז דיין נייע מאַמע — האָט ער צוגעגעבען אָנווייזענדיג אויף אַ דיקלעכע יודענע. וואָס איז אויך מיט איהם צוזאַמען געקומען.

דאָס וואָס איך האָב אַ נייע מאַמע האָט מיך נישט געוואונדערט, ס'פֿערשטעהט זיך אַז יענע מאַמע איז געשטאָרבען, מוז איך אַוודאי האָבען אַן'אַנדערע אויף איהר אָרט, ווי דען וואָלט איך דאָס געווען אָהן אַ מאַמען?... נאָך וואָס אָבער דאַרף איך דעם ברודער אויך — דאָס האָב איך שוין נישט געקענט פֿערשטעהן. משה'לע האָט אין איינעם מיט מיר געגעסען, אין איינעם געשלאָפֿען און איז אויך אין־איינעם מיט מיר אין חדר געגאַנגען, נאָר דאָ האָט מען מיט איהם פֿיעל צרות געהאַט, ער האָט קיין מאָל נישט געוואָלט לערנען; אפֿשר דער־פֿאַר ווייל מען האָט איהם נישט געשלאָגען קיין מאָל, אַפֿילו קיין קלאַפּ נישט געגעבען... נאָר איין מאָל האָט זיך געטראָפֿען אַז משה'לע האָט לערנענדיג בייַם בעהעלפֿער מיט מעהר חשק געלערנט.

— רבי! — האָט דער בעהעלפֿער דעמאָלט אַ געשריי געטהון — משה'לע האָט היינט געלערנט. זאָגט דעם מלאך, ער זאָל איהם עפּיס אַראָבוואַרפֿען.

דער רבי איז באַלד אַוועק אין דער צווייטער שטוב און האָט אַריינגעטראָגען אַ גרויסען בייטעל און איהם דערלאַנגט משה'לען.

טאַטע זיסער, וואָס דאָרט איז אַלץ געווען! רויטע עפּעליך, בארנעס, ראָזינקעס מיט מאַנדלען. לאַנגע רויטע קאָנפֿעקטען, קליינע צוקערדיגע לעקעכליך, און גאָט ווייסט וואָס נאָך!.. משה'לע האָט זיך געשמאַק געגעסען. און מיר האָט אַזש דאָס האַרץ וועה געטהון קוקענ־דיג. איך האָב מיך נישט געקענט איינהאַלטען און שטיל געפֿרעגט:

— רבי, איך לערען דאָך אַלע מאָל גוט, פֿאַר וואָס וואַרפֿט מיר דער מלאך גאָר נישט אַראָב?

— דיין מלאך איז געשטאָרבען,— האָט דער רבי אַ ווילע טראַכ־טענדיג געענטפֿערט.

איך האָב פּלוצלינג דערפֿיהלט אַזאַ וועהטאָג, גלייך ווי ס'וואָלט מיר ווער מיט אַמאָל מיט אַ האַמער אין קאָפּ און אין האַרץ אַ קלאַפּ געטהון; טרעהרען, וועלכע פֿלעגען זיך מיר לייכט גיסען בייַ דער קלענ־סטער סבה זענען מיר אַצונד שטעהן געבליבען אין האַלז און האָבען מיך שרעקליך געשטיקט. די אויגען זענען מיר געוואָרען פֿינסטער, דער־נאָך זעהר ליכטיג, דערנאָך ווידער בלוטיג רויט — און גרויסע הייסע טרעהרען האָבען מיר זיך אויף דעם פּנים אַרויסגעקייקעלט. אין חדר האָט זיך געלאָזט הערען מיין שטיל האַרצענדיג געוויין...

דאָס איז געווען דאָס געוויין פֿון דעם ערוועקטען דעת.

מ. אָרענשטיין.

---

## בילדער פֿון דער יודישער קבצניפּקער וועלט.

II.

### יצחק יוסיל ברויטגעבער.

אין דער צייט, פֿון וועלכער איך דערצעהל, איז שוין יצחק־יוסיל ברויטגעבער אַלט געוועזען אַ יאָהר פֿיערציג. דאָס איז געוועזען אַ קליין דאַר יודיל מיט אַ לאַנג פּנים'ל, אַ לאַנג נעזיל, צוויי גרויסע, שוואַרצע און גוטע אויגען. ער האָט ליעב געהאַט מעהר שווייגען, בעסער טראַכטען, ווי אַליין רעדען. וואָס און פֿון וועגען וואָס מ'האָט מיט איהם ניט גע־רעדט, אַפֿילו ווען מ'האָט איהם פֿאַר עפּיס געזידעלט, (ווערן, ווען און פֿאַר וואָס פֿלעגט מען איהם דען ניט זידלען?), פֿלעגט ער אויפֿהערען מיט אַ שטיל. דערשראָקען, נאָר זים שמייכעלע, קוקען אויף יענעם מיט זיינע גרויסע, גוטע אויגען מיט אַזאַ מין פֿערוואונדערטקייט, מיט אַזאַ מין רחמנות, אַז יענער האָט באַלד געמוזט אָבהאַקען זיינע ווערטער און בלייבען שטעהן.

— „נו, געהט רעדט, טענה'ט מיט אַ פֿערד, מיט איין עזעל, מיט דער וואַנד, מיט אַ שטיק האָלץ!"— פֿלעגט מען אַ שפּיי טהון און אַוועק לויפֿען פֿון איהם.

ווען עמיצער זאָל זיך אָבער געווען גוט צוקוקען צו דעם שמיי־כעל, גוט בעטראַכטען דעם קוק זיינעם, וואָלט ער געוויס אין זיי געווען געלייענט:

— „האַ, מענש, מענש! וואָס עסט דו זיך אַזוי דאָס האַרץ? אַז דו ווייסט ניט, פֿערשטעהסט ניט און קענסט ניט,— וואָס־זשע נעמסט דו זיך אונטער?"...

און אַז ער האָט שוין געמוזט יענעם ענטפֿערען,— פֿלעגט ער רעדען געצעהלטע, ווייכע ווערטער, אַזוי ווי מע רעדט מיט אַ קליין אונפֿער־

שטענדיג קינד, צושמייכלען דערביי, באַלד פֿערשווינען ווערען און ווייטער זיך פֿערטראַכטען.

„ברויטגעבער“ האָט מען איהם גערופֿען דערפֿאַר, ווייל וויפֿיעל דער מענש האָט ניט געאַרבעט, דאָך האָט ער קיינמאָל אויף קיין ברויט ניט געהאַט. ער איז אַ שניידער געוועזען. ניט אַזאַ מין שניידער, ווי די היינטיגע שניידערס, ד. ה., פֿון איין חֵלֶק הַלְבָּשָׁה. יצחק־יוסיל האָט אַלעס גענעהט: הויזען, קאַפּאָטעס, זשילעטען, פּאַלטעס, פּעלצען, קאָל־דערעס, תְּפִלִין־זעקליך, טַלִיתִים־קְטַנִים און ז. וו. היינט איז ער אַ דאַמענשניידער אויך געוועזען. זומער און ווינטער, טאָג ווי נאַכט האָט ער געאַרבעט, ווי איין אָקס, און דאָך, ווען קַבְּצַנִיפֿקע, בִּשְׁעַת דער גרויסע חאָלערע, האָט איהם, בִּכְדֵי צו שטילען די שלאַפֿקייט, לְמַזָל, ביי דרייסיג יאָהר, נעפֿיהרט אויפֿ'ן בֵּית־עָלְמִין אונטער דער חוּפָּה מיט מלכה דער יתוֹמָה, — האָט זי איהם צוויי וואָכען נאָך דער התונה אַוועקגע־וואָרפֿען. זי איז נאָך צו יונג (28 יאָהר) געוועזען, און האָט ביי איהם פֿין הונגער ניט געוואָלט שטאַרבען. זי האָט זיך אַוועק:עלאָזט אין דער וועלט אַריין בְּשוּתְּפוּת מיט אַ גרויסער מַחֲנֶה־קַבְּצָנִים נאָך דער געוויסער שְׂרֵפָה, וועלכע האָט חָרֵב געמאַכט כִּמְעַט דאָס גאַנצע שטעדטיל קבצניפֿקע. פֿון דעמאָלט אָן האָט מען שוין פֿון מלכה דער יתומה גאָר ניט געהערט, און יצחק־יוסיל ברויטגעבער האָט זיך מיט זיין שער און איי־זען איבערגעצויגען אין ווייבערשען חֶדֶר פֿון דער „יונגסטער־שול“.

— ווי־זשע קומט'ס — וועט איהר פֿרעגען — וואָס אַזאַ יצחק יוסיל, אַ שניידער פֿון אַלע מִינִים הַלְבָּשׁוֹת איז אַזאַ קבצן געוועזען?

אויב אַזוי קענט איהר דאָך גאָר ניט יצחק־יוסיל ברויטגעבער!

הערט־זשע, וואָס איך וועל אייך דערצעהלען. די מעשה דערפֿון איז אַזוי. יצחק־יוסיל איז געוועזען איין שניידער פֿון אַלע מיני הלבשות און פֿון גאָר ניט, ד. ה. קיין נייע מלבושים, זינט ער האָט אַרויסגעוויזען זיין פֿאַנטאַזיע ביים שניידען און נעהען, האָט איהם קיינער ניט געטרויט.

איך געדענק נאָך, ווי היינט, וואָס אין קבצניפֿקע האָט זיך גע־טהון, ווי אַזוי אין שטעדטיל האָט גערַעשׁ'ט, ווען יצחק־יוסיל האָט אויפֿגענעהט פֿאַר רב יהזקאל מְלַמֵד אַ פּאָר תַּחְתּוֹנִים, מְחִילָה, מיט אַזאַ משונה ווילדער פֿאַנטאַזיע, אַז דער אומגליקליכער מלמד האָט זיי נעביך געמוזט טראָגען פֿאַר אַ לייביל, האָטש ער האָט גאָר קיין לייביל ניט געדאַרפֿט: ער האָט נאָך געהאַט אַ שפּוגעלנייעפּעלציל פֿון פֿאַר דריי יאָהרען.

היינט וואָס האָט זיך געטהון מיט בנימין דרויבניק'ס קאַפּאָטע!

הערט איין קורצע, נאָר אַ העכסט אינטערעסאַנטע געשיכטע!

בנימין דרויבניק'ס מוטער איז געשטאָרבען. בָּרוּךְ דַּיַּין אֱמֶת! איהר גאַנץ פֿערמעגען האָט, עַל פִּי דִין, בעדאַרפֿט איבערגעהן צו איהר בן־יחיד'ל, בנימ'ציןִ. בעגראָבען האָט מען זי פֿאָרט געמוזט אויף קהל'ס חֶשְׁבּוֹן. וואָס דען האָט מען מיט איהר געקאָנט טהון? דאָס גאַנצע שטעדטיל איז דַוְקָא, טאַקע בְּפֵירוּשׁ ווילד בְּרוֹגֶז געוועזען אויף די אַלטע, פֿאַר וואָס זי האָט זיי אָבגעטהון אויף טערקיש, און מיטגענומען מיט זיך אויף דעם אמת'ען עוֹלָם איהר גאַנץ רייכקייט, נאָר... קיינער וויים אַפִילוּ ניט פֿאַר וואָס, נאָר יעדער איז עפּיס געוועזען פֿערזיכערט אַז ביי דער מומע־לאה, בנימין־דרויבניק'ס מוטער, געפֿינט זיך אַ גאַנצער אוֹצָר, אַ מָמוֹן־קֹרַח.

אַזאַ מנהג איז שוין געוועזען ביי אונז אין שטעדטיל, אַז מען האָט געזעהן, איינער אָדער איינע לעבט לאַנג, עסט קרענק אויפֿ'ן זייגער און שטאַרבט פֿאָרט ניט, — איז אַ סימן, אַז ער אָדער זי האָט אין זיינע סך און לאַנגע יאָהרען צונויפֿגענומען, איינגעזאַמעלט קרח'ס עשירות, האָט ערגיץ אין אַ קעלער פֿערגראָבען גאַנצע טעפּ און פּשוט פֿולע לאַדישטשעס מיט גאָלד און זילבער.

די חברה קדישא, די יונגסטע האָבען זיך שוין פֿון לאַנג, גאַנץ לאַנג געדאַרפֿט די ציינער אויף דער מומע־לאה'ס עשירות. נאָר אָט איז זי געשטאָרבען (אַ גוטען זכות זאָל זי טראָגען!) און האָט אַלעמען אָבגענאַרט.

—„איהר געלד?“

— „אַ קוה איז געפֿלויגען איבער'ן דאַך און האָט געלעגט איין איי!...“

אין דער איינענער דאָזיגער נאַכט האָט זיך ביי ה"ר בנימין־דרויבניק די קוה געקעלבט. זי איז געוועזען אַ מקשה־לילד, און איז (אַ שענע, ריינע כפרה!) גע'פגר'ט. די חברה קרישא האָבען דאָס קעלביל זיך צוגענומען, און די מומע־לאה בעגראָבען אויף אייגענער רעכנונג.

יאָ געלד, ניט געלד, יאָ ירושה, ניט ירושה, נאָר דערווייל האָט ה"ר בנימין־דרויבניק גע'ירש'עט פֿון זיין אַלטער מוטער אַ קאָלדרע; אַ גאַנץ לאַנגע, שטאַרק ברייטע וואַטאָווע קאָלדרע. אין ענין בעל־בתיש־קייט איז אַ קאָלדרע זעהר אַ נוצליך חפץ ובפרט אין אַ שטוב, וואו עס געפֿינט זיך אַ ווייב, קיין עין־הרע, היבשע עטליכע קליינע און גרויסע קינדערליך. ווער־זשע פֿערשטעהט דאָס ניט? דאַכט זיך גאָר פּראָסט: אָדער מ'לאָזט די קאָלדרע פֿאַר זיך מיט די צוויי יונגליך, מיט וועלכע בנימין דרויבניק פֿלעגט תמיד צוזאַמען שלאָפֿען, אָדער מע גיט זי אַוועק דעם ווייב מיט די צוויי קליינע מיידליך, מיט וועלכע זי פֿלעגט בשותפות שלאָפֿען; אלא ניט גיט מען זי אַוועק די צוויי עלטערע בחורים, אָדער די צוויי גרויסע בתולות, וועלכע פֿלעגען אויך צוזאַמען שלאָפֿען אויף די צוויי בעט־בענק אין שטוב און אין קיך. דאָך האָט דאָס מין קאָלדרע געבאָרען אין בנימין־דרויבניק'ס קליין קעפּיל אַזוי פֿיעל קלערענישען און שאלות, אַז ער איז, לא עלינו, שיער ניט משוגע געוואָרען:

—„פֿאַר וואָס מיר, און ניט „איהר“? פֿאַר וואָס פֿאַר „איהר“, און ניט מיר, ניט זיי און ניט זיי? פֿאַר וואָס זיי, און ניט מיר, ניט איהר און ניט פֿאַר זיי? היינט גלאַט וואָס איז פלוצים אַזאַ מין פריצה'ריי געוואָרען? מיט וואָס האָבען מיר זיך פֿריהער צוגעדעקט? וואָס איז: אַ גדולה, וואָס די מאַמע, די באבע איז געשטאָרבען?...“

דריי טעג און דריי נעכט האָט זיך בנימין־דרויבניק שטאַרק געבראָכען דעם קאָפּ, טיף געבוירט דעם מוח אויף די שאלות, ביז דער רבונו של עולם האָט רחמנות בעקומען אויף זיין קליין קעפּיל און שוואַכען מה'ל, און האָט איהם צוגעשיקט אַ גליקליכען געדאַנק:

—„עפּיס איז עס דאָך פֿאָרט אַ ירושה זאַך פֿון אַ איין און איינציגער מוטער (עליה השלום!)! היינט איז עס דאָך עפּיס אַ זאַך פֿון זאַכענלאַנד! איך מוז דערפֿון מאַכען אַזאַ מין תכלית, אַז גאָט און לייט, הימעל און ערד זאָלען מיר מקנא זיין!...“

און ער האָט געשיקט רופֿען יצחק־יוסיל ברויטגעבער, דעם געוויסען קבצניפֿקער שניידער פֿון אַלע מינים הלבשות.

— ה"ר יצחק־יוסיל, איהר זעהט דאָס שטיקיל סחורה?

— איך זעה.

— יאָ, איהר זעהט, אָבער זענט איהר דערויף אַ מבין, איין אמת'ער מבין?

— מיר דאַכט זיך.

— ווייסט איהר אָבער וואָס דאָס איז, אַ?

— אַ קאָלדרע.

— חאַ, חאַ, חאַ!... „אַ קאָלדרע“? דאָס וויים איך אַליין, אַז אַ קאָלדרע; אָבער די מאַטעריע, דער שטאָף?

— גוטע מאַטעריע, פֿיין שטאָף.

— „גוטע מאַטעריע, פֿיין שטאָף“?... ניין, איך בעט איבער אייער כבוד, איהר זענט קיין מבין ניט, איהר ווייסט ניט וואָס סחורה איז? דער אמת'ער בעל־מלאכה, דער גוטער מבין וואָלט געזאָגט: „די מאַטעריע איז גרינג, ווייך און פעכקע, ווי אַ גוטע, ריינע און פֿרישע לונג. דער שטאָף — וואָלט ער ווייטער געזאָגט — איז פֿעסט, פֿול און גלאַט, ווי די בעסטע קעלבערנע לעבער“... היינט די שטאַרקייט?... אַ אמת שטיק האַריץ פֿון דעם גרעסטען בואַי, אָדער אַ צונג פֿון דעם שור־הבר אַליין... איהר ווייסט, וויפֿיעל ווינטערס די קאָלדרע וואַרעמט שוין?... נאָר נענוג דערפֿון. ניט צוליעב דעם האָב איך אייך גערופֿען. מיר זענען ביירע, דאַנקען השי"ת, ניט קיין ליידיגגעהערס. די מעשה

דערפון איז אזוי: איך וויל, פערשטעהט איהר מיך, אט פון דער מאטעריע, טאקי פון דעם מין שטאף מאכען עפּיס אזא מין פּריילע אזא מין כּלייכען, אז עס זאל לאפּטשען, אזוי ווי אין פסוק שטעהט... א שטיינער, למשל, וואס וואלט איהר געזאגט, וואס וואלט איהר געטהון, ווען איך נעם אט דאס דאזינע גאנצע שטיק סחורה, גיב זי אריין אין אייערע הענר אריין און זאג אייך: „ה״ר יצחק־יוסיל, אזוי ווי איהר זענט שוין, ניט צו פערזינדיגען, איין אלטער בעל־מלאכה, א גוטער בעל־מלאכה און דערצו נאך איין גוטער ברודער און עהרליכער יוד אויך,— נעממט־זשע אט די מאטעריע, אט דעם דאזינען שטאף און טהוט מיט איהם וואס און ווי אזוי איהר פערשטעהט, נאר עס זאל דערפון ארויס אזא מין מלבוש׳ל, אזא מין בגד׳ל, אז ניט נור קבצניפּקע, אפילו גאנץ קאמעניפּקע זאל צופּיקעט, צוזעצט ווערען פון קנאה, א? וואס וואלט איהר דערפון געמאכט?

ה״ר יצחק־יוסיל איז נעביך שיער ניט משוגע געווארען, שיער ניט חלשות געבליבען פאר פרייד, הערענדיג די לעצטער ווערטער. ער איז געווארען בלייך, טוידט, ווייס, ווי דער קאלך, רויט, אנגעצונדען, ווי א פלאקער פייער. אין זיינע אויגליך האט זיך אנגעהאפּט א פרעהליך, העל פייעריל, און זיי האבען געפונקעלט, געלייכט, געבלעשטשעט. און עס איז גאר קיין חדוש ניט: א קליינינקייט! אלע זיינע יאהרען האט ער נור געקלערט, געטראכט דערפון, מע זאל איהם געבען פרייהייט אין זיין ארבייט, בכדי ער זאל מיט איינמאל דערווייזען, ווער יצחק־יוסיל איז און צום סוף... אך, די הויזען, ה״ר יחזקאל מלמד׳ס הויזען! ווי גוט, קונצליך ער האט זיי געמאכט! א קליינינקייט: אי הויזען, אי א לייביל אין איין מלבוש!... ער האט זיך דעמאלט אזוי געפרעהט, אזוי גליקליך געוועזען! ער איז שוין אזוי געוועזען פערזיכערט, אז ער האט זיי שוין דערוויזען, ווער יצחק־יוסיל ברויטגעבער איז! ער האט שוין דעמאלט אפילו אנגעהויבען טראכטען און קלערען וועגען מלכה דער יתומה... ארים, אומגליקליך יתומה׳לע! אפילו איין גליקליכען טאג האט זי דען געהאט אין איהר גאנץ לעבען! ארבייטען אהן א שעור און ניט עסען, הארעווען מיט דער לעצטער נשמה און ניט טרינקען... איהר שלאפען, משטהענס׳געזאגט... אמאל ביי אלקנה דעם שוחט אין קיך, אמאל ביי ישראל דינצים אין קאמער... און אז זי האט שוין צו מזל התונה געהאט... מזל טוב! מזל טוב! מלכה די יתומה האט התונה פאר יצחק־יוסיל ברויטגעבער!... אין איין זייט גראבט מען קברים, מען ברייננט פרישע מתים... א געוויין, א קלאגעריי, יאמעריי... און דא, טאקע דערנעבען — א געשפּיעלעריי פון די כלי־זמרים, א געזאנגעריי, טאנצעריי פון די מחותנים... מזל טוב! מזל טוב! מע פיהרט די יתומה מיט׳ן ברויטגעבער אויפ׳ן בית־עלמין אונטער דער חופה...

קיינמאל וועט ער ניט פערגעסען מיט וואס פאר א חשק זי, די כלה זיינע, האט אין דער דאזיגער נאכט, ערשטער נאכט פון זייער התונה, געגעסען, געטרונקען און געשלאפען... די גאנצע וועטשערע וואס מ׳האט זיי ביידע, התן־כלה, געגעבען: א היבשע בילקע, א גרויסען כליישיק בראנפען, א טייגלאז וויין און א פולען טעלער געבראטענס, האט זי, קיין עין־הרע, אליין צוגעשניטען, צושארען און אויפגעפרעסען... ער האט גרויס חשק געהאט דעמאלט זעהן איהר פנים... ער האט זי גוט געקאנט נאך פון קינדווייז אן, און האט זי ניט בעדארפט אנקוקען. ער האט נאר געוואלט זעהן, וואס איהר פנים קען טייטשען בשעת דער דאזיגער מין ארבייט... ווען מ׳האט איהם אין קאמער אריינגעפיהרט,— איז זי שוין דארטען געוועזען... די אונטערפיהרערם האבען אויסגעשאסען מיט א געלעכטער, ווען זיי האבען דערהערט, אז זי חראפּעט שוין אזוי שטארק. ער האט גוט פערשטאנען, פאר וואס זי איז אזוי גיך און אזוי געשמאק אנשלאפען געווארען: א קליינינקייט! דאס ערשטע מאל אין איהר לעבען האט זי גוט געגעסען, געטרונקען און אויף א בעט מיט בעטגעוואנט געשלאפען...

דאס זעקסערליכט האט געברענט, די פליגען האבען זיך אויפגעהאפּט, אנגעהויבען זשומען; די מיהלען האבען געקלאפּט, געהודעט, געקרעכצט, און ער, יצחק־יוסיל ברויטגעבער, דער חתן, איז געזעסען געגען דעם „חתונה־בעט" אויף א פעסיל פון זויערע אוגערקעס און האט געקוקט אויף מלכה דער יתומה, זיין כלה, זיין ווייב, האט זיך צוגעהערט צו איהר הויכען, געדרעהטען הראפּען און האט געטראכט...

די הינד אין שטעדטיל האבען משונה־ווילד געוואיעט... א פנים די חופה אויפ׳ן בית־עלמין האט נאך ניט פערטריבען דעם שענעם סוחר, דעם מלאך המות... פון איינגע הייזער האט זיך נור געהערט א שרעקליך געשריי, געוויין פון ווייבער און קינדער...

מלכה די יתומה האט גאר ניט געהערט. זי איז געשמאק געשלאפען, געהראפּעט, להבדיל, אזוי ווי קאספּיר, דער הויכער און ברייטער מילנער פון ביידע מיהלען...

יצחק־יוסיל ברויטגעבער זיצט אויף דעם פעסיל, קוקט אויף איהר פנים און טראכט... דאס פנים איז שווארץ, געקארטשעט און פערוויסט, כמעט אזוי ווי ביי איין אלטער יודענע... דאס ליכט האט פלוצים אנגעהויבען ברענען העלער, און יצחק־יוסיל האט דערזעהן, ווי איהר פנים איז געווארען שענער, יונגער, פרישער און א גוטער שמייכיל האט זיך צוגאסען אויף איהם... דאס איז אלעס פון דער וועטשערע און ווייכען בעט... דעמאלט האט ער זיך דאס ווארט געגעבען, געשווארען, אז ער מוז איינמאל פאר אלע מאל ווייזען די קבצניפּקער יודען, ווער יצחק־יוסיל ברויטגעבער איז, און מלכה די יתומה וועט שוין אלע טאג האבען עסען און א געלעגער... ער וואלט זיי שוין לאנג געוועזען געוויזען, ווען ניט די הויזען... אז זיי פערשטעהען גאר ניט,— אט דאס איז דאס גאנצע אומגליק! פערקעהרט, לאז זיך עמיצער פרובען, אונטערשטעלען אזא מין קונצליך שטיק ארבייט ארויסגעבען!... און פון איהם — האט מען געלאכט, חוזק געמאכט... וויפיעל קללות האט ער דערמאלט בעקומען פון ה״ר יחזקאל מלמד, זיין ווייב און קינדער! אט דאס איז געוועזען זיין שכר פאר די גאנצע ארבייט! אז זיי זענען בהמות, פערד, פראסטאקעס, און קאנען ניט פערשטעהן הלכות שניידעריי! הא, ווען זיי זאלען פערשטעהן, אז שניידעריי איז אזא איידלע, טיעפע ארבייט און האט קיין שעור, קיין גרונד, ווי, להבדיל, די הייליגע תורה!...

נאר ניט אלעס איז שוין פערפאלען, ווער ווייסט... אט איז געקומען בנימין־דרויבניק, א מענש מיט קאפ, מיט שכל און מיט איין אמת׳ען געפיהל... א קליינינקייט: פארט אזוי פיעל יאהר סוחר... אמת טאקי, ער האנדעלט נור מיט דרויב, אבער...

— הכלל, איין עק, ה״ר יצחק־יוסיל, וואס וואלט איהר דערפון געמאכט?

— אלעס.

— דהיינו?

— א שלאפראק פאר אייער דוואסקין...

— ווייטער?

— א חאלאט מיט קוטעסען...

— נאך ווייטער?

— א אויבערראק.

— נו?

— א קלייד...

— און נאך?

— א פאר הויזען מיט א לייביל.

— מעהר גאר ניט?

— פאר וואס? א...

— למשל?

— קאפאטע... א וואטאווע, ווינטער־קאפאטע פאר אייך...

— אט, אט! טאקע דאס און נור דאס!

יצחק־יוסיל ברויטגעבער האט א האפּ געטהון די קאלדרע אונטער׳ן ארם און האט שוין געוואלט מאכען א וויברה׳ל.

— ה״ר יצחק־יוסיל! נו און א מאס און מלאכה געלד?

א מאס נעהמען האט יצחק־יוסיל אויך שטארק ליעב־געהאט. אין הלכות מאס איז ער געוועזען א שטארקער מזיק. באלד האט ער ארויסגעשלעפּט פון איינער פון זיינע לאנגע קעשענעס א היבש שטיק

פאַפיר, גיך אויסגע׳מלאכה׳ט דערפון אַ לאַנגע פאַפירנע סטענגע און האָט זיך גענומען מעסטען ה״ר בנימין־דרויבניק׳ס איברים. אפילו די לייגג און די ברייט פון די פיס זיינע האָט ער אויך ניט דורכגעלאָזט.

— נאָך וואָס טויג אייך דאָס? איהר נעהמט מיר דען אַ מאָס אויף הויזען?

— עט, פרעגט ניט! לערענט ניט קיין בעל־מלאכה!

— און מלאכה געלד?

— דערפון וועלען מיר שפּעטער רעדען.

— ניין, דאָס געהט ביי מיר ניט. איך בין, פערשטעהט איהר מיך, א יוד אַ סוחר, און מוז וויסען בְּרָהֵל בִּתְּךָ הַקְּטַנָּה.

— פינף גולדען.

— און וועניגער?

— איך ווייס? נו פיער.

— נו און אַ האַלבען קאַרב?

— נו, נו...

— געדענקט־זשע, ה״ר יצחק־יוסיל, נור עס זאָל זיין בגילופין;

— און נאָך אַ מין בגילופין!

פינף מעת־לעת, כמעט טאָג ווי נאַכט האָט יצחק־יוסיל פאַנטאַזירט איבער בנימין־דרויבניק׳ס ירושה. ווער עסען, וואָס טרינקען, ווען שלאָפען! די שער האָט געקלונגען, די נאָדיל איז געפלויגען אַהין און אַהער, אַרויף און אַראָב. די ירושה האָט שטיל געקרעכצט און עפּיס אַזוי ווי געהליפּעט אונטער דעם הייס־ברענענדיגען פּרעסיל. אָבער ווי גליקליך איז ער געוועזען אין די ליכטיגע טעג און פרעהליכע נעכט! ווער איז צו איהם גלייך געוועזען? גרעסער פון דעם קבצניפּקער סטאַראָסטע, רייכער פון ישראל־דינצים, דעם קבצניפּקער בעל־טאַקסע, און העכער פון דעם הוראדניק אַליין האָט זיך אין דער דאָזיגער גליקליכער צייט געפיהלט יצחק־יוסיל ברויטגעבער. וואָס ער וויל, טראַכט און פיהלט, — ווערט אין דעם זכות פון זיין שער און אייזען, פינגערהוט, נאָדיל און באַוועליך בעשאַפען... אויס לאַטעס לייגען, קעשענעס צוזעצען, נעהען תפילין־זעקליך מיט טליתים־קטנים, רייניגען מלבושים אַלטע... פרייהייט, פרייהייט, נור אין איין רעכט שטיקיל אַרבייט האָט ער בעדאַרפט, און ניט מעהר!... האַ, איצט וועט ער זיי, אָט די אַלע קבצניפּקער קאַליקעס און בעלי־בתים, ווייזען וואס און ווער יצחק־יוסיל ברויטגעבער איז! האַ, זיי וועלען שוין מעהר ניט לאַכען, זיי וועלען זיך שוין מיט איהם ניט רייצען! פון איין עק ביז אין צווייטען עק וועלט וועט זיך זיין שם צולאָזען, און... מלכה די יתומה, זיין כלה, זיין ווייב וועט אויך געוואָהר ווערען דערפון, און...

זי וועט צוריקקומען צו איהם... ער פיהלט עס מיט יעדער אבר... ניט איהם האָט זי אַוועקגעוואָרפען, נור זיין שלים־מזל... ער וועט דינגען אַ דירה (געלד וועט זיך שיטען פון אַלע זייטען), איינקויפען אַביסעלע בעל־בתישקייט: אַ בעט, איין קנאַפּע, אַ טיש... מיט דער צייט וועט ער זיך קויפען איין אייגען שטיבעלע... זי וועט קומען. געגנוג איהר זיין נע־ונד. עס איז שוין צייט זי זאָל זיך אָברוהען איהרע צובראָכענע קראַנקע ביינער! לאַנג שוין צייט, זי זאָל שוין האָבען איהר אייגען ווינקעלע!...

זי וועט צוריקקומען! ער פיהלט עס אין אַלע זיינע אברים. אַהיים וועט זי געוויס קומען!...

די לעצטע נאַכט. די אַרבייט איז שוין אין גאַנצען פערטיג געוועזען. יצחק־יוסיל האָט זי צולעגט אויפ׳ן טיש פון דער ווייבערשער שול. ער האָט אָנגעצונדען נאָך איין גראָשענדיג ליכטיל. מיט גרויסע אָפענע, פונקעלדיגע אויגען איז ער געזעסען געגען איהר, מיט גרויס תענוג בעטראַכט זיין קונצליכע פאַנטאַזיע, און איז... משונה־ווילד גליקליך געוועזען...

אַזוי איז ער איבערגעזעסען די גאַנצע נאַכט.

שווער, זעהר שווער איז איהם געוועזען צו שיידען זיך מיט זיין פאַנטאַזיע, נאָר... קוים איז נור טאָג געוואָרען, איז שוין יצחק־יוסיל ברויטגעבער מיט זיין אַרבייט ביי ה״ר בנימין־דרויבניק אין שטוב געוועזען.

— גוט יאָהר, ה״ר יצחק־יוסיל! אין אייערע אויגען דערקען איך שוין, אַז דאָס געשעפט איז אייך געראָטהען, אמת?

— איהר קענט שוין אַליין זעהן. אָט...

— ניין, ניין, מ׳בעדאַרף ניט!... דוואָסקע, היקה, שפרינצע, דוד־הערשיל, יצחק־יואל׳יק!... איך וויל, פערשטעהט איהר מיך, זיי זאָלען אַלע זיין דערביי און זעהן.

אין עטליכע מינוט אַרום האָט זיך דער גאַנצער עולם, בנימין־דרויבניק׳ס עולם געיאַוועט. אפילו די פיער קליינע קינדערליך האָבען זיך אויך בעוויזען פון אונטער די בערג שמאַטעס.

יצחק־יוסיל האט צובונדען זיין פעקיל, און...

— וואָס איז דאָ־אָ־אָ־ס־ס־ס־ס???!!!

— אַ פאָר מייטקעס מיט אַרביל...

ישעיהו לערנער.

## דער זשאַרגאָן.

(פאָרטזעטצונג)

די סִבָּה, וואָס די אינטעליגענץ האָט אַזוי נעענדערט איהר מיינונג מְכֹּהַ דעם זשאַרגאָן, איז, דאָס זי האָט בעמערקט דעם הַמוֹן, וועלכען די פריהערדיגע אינטעליגענץ האָט ניט געזעהען און ניט געוואָלט זעהען. דעם המון אין זיין יעטציגער לאַגע איז דער זשאַרגאָן נייטהיג, ער קען אָהן איהם אין זיין גייסטיגען לעבען ניט אויסקומען. דאָס איז דאָס איינציגע מיטעל פאַר זיין בילדונג, פאַר זיין ערוועקונג פון זיין שלאָף. ער קען דעם זשאַרגאָן לעזען און שרייבען און האָט אַ חֵשֶׁק צו בילדונג. דער המון פאָדערט דערום אַ ליטעראַטור אין זשאַרגאָן און ער איז דאָס מאַטעריאַל פון די מענשען, פיר וועלכע דער זשאַרגאָן איז אַ שפּראַך פון בילדונג, ליטעראַטור און לעבען. בְּשַׁעַת די אינטעליגענץ האָט בעמערקט דעם המון, האָט זי אויך בעמערקט די קראַפט, וועלכע דער זשאַרגאָן האָט אין פאָלקסלעבען און וואָס פאַר אַ מיטעל דער זשאַרגאָן קען ווערען, כדי אויפצוהויבען די פאָלקסמאַסען פון זייער נידריגקייט. די אינטעליגענץ וועלכע איז אַ פריינד פון דעם פאָלק, איז אויף אַזאַ אופן אויך געוואָרען אַ פריינד פון דעם זשאַרגאָן. אַזוי אָבער ווי די אינטעליגענץ האָט אָפּט אין זיך דעם רצוֹן, אַלעס וואָס זי זעהט אין פאָלקסלעבען, צו האַלטען פאַר הייליג און ניטצליך פאַר דעם פאָלק, וואָרום זי אונטערזוכט ניט שטענדיג דעם אמת׳ן כאַראַקטער פון די תְּכוּנוֹת און די פאָרמען פון דעם פאָלקסלעבען, פאַלט זי אָפּט אַריין אין אַ טָעוּת און הויבט אָן אַלעס צו האַלטען פאַר גוט און ניטצליך, וואָס זי זעהט אים פאָלקסלעבען, הֲגַם פיעל איז בֶּאֱמֶת גאָר שעדליך און שלעכט און עקזיסטירט נור עַל פִּי הַדְּחַק, וואָרום דאָס פאָלק איז געוועזען נידערגעשלאָגען און פערוואָרפען, און האָט ניט געקענט זיך בעפרייען פון די שעדליכע יסודות פון זיין קולטור. דאָס האָט זיך אויך געטראָפען מיט דער יודישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט אָנגעהויבען צו ערקלערען דעם זשאַרגאָן פאַר אַ יסוד פון דעם יודישען נאַציאָנאַליזם, פאַר דעם גאַנצען יודישען נאַציאָנאַליזם, וואָרום זי האָט ניט אונטערזוכט זיין היסטאָרישען און קולטורעלען ווערט, נאָר איהם בעמערקט אינ׳ם פאָלקסלעבען.

די אינטעליגענץ איז אַריינגעפאַלען אין דעם טעות, וועלכער ווערט שטענדיג געמאַכט פון אונבעוואוסטער ליעבע צום פאָלק. אומעטום, וואו עס דערוועקט זיך אַ געפיהל צו דעם פאָלק, צו דעם הֲמוֹן, הויבט אָן אַ געוויסער טהייל פון דער אינטעליגענץ צו האַלטען הייליג אַלעס וואָס אין פאָלקסלעבען האָט זיך אויסגעאַרבעט, אָהן אַ קריטיק, אויב עס איז גוט אָדער שלעכט, שעהן אָדער מיאוּס, מיט אַ ריכטיגען היסטאָרישען ווערט אָדער אָהן איהם. מען וויל אַכטען דאָס פאָלק און איהם העלפען און הויבט אָן צו פערגעטערן אויך די פאַלשע געטער וועלכע זענען געוואָרען אין פאָלק. מען הויבט אָן צו פערבייטען דאָס וואָס דאַרף זיין מיט דעם וואָס איז, דאָס וואָס האָט געדאַרפט זיין אין פאָלקסלעבען מיט דעם וואָס איז פאַראַן באמת אין פאָלקסלעבען. און אָפטמאָל ווערט מען גאָר פרומער איידער דער פאַבסט גופא און גיט אַ קדושה צו אַזעלכע

זאַכען, וואָס דאָס פֿאָלק אַליין האַלט גאָר פֿאַר שלעכט און וואָכעדיג.

אַזוי ווי אין דעם יודישען לעבען איז אַלעס ניט געזונד און ניט גלייך, ווי ביי אַנדערע פֿעלקער, איז אויך דער האַראַקטער פֿון די זשאַרגאָנישע פֿאָלקספֿריינד אין די הויפּט־פּרטים אַקוראַט אַ פֿערקעהרטער ווי ביי די פֿאָלקספֿריינד פֿון אַנדערע פֿעלקער. די פֿאָלקספֿריינד פֿון אַלע פֿעלקער זענען געוועהנליך צור זעלבער צייט אויך נאַציאָנאַליסטען, דאָס הייסט זיי ווילען, דאָס אַלע העכערע תכונות פֿון זייער פֿאָלק זאָלען זיך קענען אויסבילדען און דאָס זייער פֿאָלק זאָל האָבען די מעגליכקייט פֿריי צו ענטוויקעלן זיינע איידעלע קרעפֿטען; דערצו סטאַרען זיי זיך דאָס פֿאָלק צו שטעלען אין אַזוינע תּנאים פֿון לעבען, דאָס עס זאָל זיין ביכולת זיין פֿרייעס נאַציאָנאַלעס לעבען צו ענטוויקעלן. זיי האַלטען פֿאַר נייטהיג פֿאַר יעדעס פֿאָלק אַ אייגענעס לאַנד, אַ אייגענע מלוכה, אַ אייגענע שפּראַך, קורץ תנאים פֿון לעבען, וואו עס זאָל ניט קענען זיין אין גרונד קיין שום פֿערקנעכטונג פֿון דעם פֿאָלק צו איין אַנדער פֿאָלק אָדער צו אַנדערע געזעלשאַפֿטליכע כּחות. די יודישע זשאַרגאָנישע פֿאָלקספֿריינד זענען אָבער ניט קיין נאַציאָנאַליסטען. פֿון אַלעס וואָס דאָס יודישע פֿאָלק האָט געשאַפֿען אין זיין געשיכטע, פֿון אַלע קולטור־כּחות, וועלכע עס האָט אין זיך, פֿון אַלע תכונות, וועלכע עס האָט אין זיך אויסגעבילדעט, האָבען זיי נור אַרויסגענומען: דאָס וואָס דאָס יודישע פֿאָלק האָט געשאַפֿען אין זיין גלות, אין זיין היסטאָרישען אומגליק, די זשאַרגאָן־שפּראַך, אין וועלכער דאָס פֿאָלק האָט אפֿילו אַריינגעטראָגען זיין גייסט אָבער שטענדיג געפֿיהלט, דאָס זי איז נור דער אויסדרוק פֿון זיין וואָכעדיגען, אָרימען גלות־לעבען. און אָט דעם זשאַרגאָן ערקלערען זיי פֿאַר דעם יודישען נאַציאָנאַליזם, פֿאַר יודישקייט. זיי זעהען ניט אַז דאָס פֿאָלק אַליין פֿיהלט דעם זשאַרגאָן ווי אַ משא אויף זיך, דאָס עס וויל פֿון דעם זשאַרגאָן פּטור ווערען גלייך ווי די אינטעליגענץ, גלייך ווי די, וועלכע ערקלערען דעם זשאַרגאָן פֿאַר די יודישע נאַציאָנאַל־שפּראַך, זענען פֿאַר זיך פֿון דעם זשאַרגאָן פּטור געוואָרען. דער טעות, וועלכען די זשאַרגאָנישע פֿאָלקספֿריינד מאַכען, איז דערפֿאַר נאָך אַ סך אַ גרעסערער ווי דער, וועלכען עס מאַכען די פֿאָלקספֿריינד פֿון אַלע אַנדערע פֿעלקער.

אַזוי האָט די יודישע אינטעליגענץ געמאַכט אַ שפּרונג פֿון אַסימילאַציאָן צום המון, פֿון דער פֿעראַכטונג פֿון דעם זשאַרגאָן און דער גלייכגילטיגקייט צו דעם יודישען המון ביז צו דעם זשאַרגאָנישען נאַציאָנאַליזם, וועלכער איז אַזוי משוגה'דיג און ניט געזונד, ווי אַלעס, וואָס געהט פֿאָר אין יודישען לעבען.

די אינטעליגענץ, וועלכע מאַכט איצט די בעדייטונג פֿון דעם זשאַרגאָן צו גרויס, מאַכט דעם גלייכען פֿעהלער, ווי די פֿריהערדיגע אינטעליגענץ, וועלכע האָט אין דער צייט פֿון דער אַסימילאַציאָן דעם זשאַרגאָן פֿעראַכטעט. איך וויל דאָ דעם ריכטיגען אָרט אָנגעבען, וועלכען דער זשאַרגאָן דאַרף איינגעהמען אין דעם קולטורלעבען פֿון אונזער פֿאָלק.

מיר האָבען געזעהען, דאָס דער זשאַרגאָן איז אַ פֿרעמדע שפּראַך פֿערמישט מיט דער אייגענער נאַציאָנאַלשפּראַך, דאָס ער האָט זיך געבילדעט אין פֿאָלקסלעבען דורך דעם אונבעוואוסטען פֿאָלקסגייסט, און האָט זיך ענטוויקעלט און אויסגעעדעלט דורך ליטעראַרישע אַרבייטען, אַז ער האָט געדיענט נור פֿאַר דאָס איינפֿאַכע לעבען, ניט פֿאַר די פֿערברייטונג פֿון בילדונג און קולטור, אַז דאָס פֿאָלק האָט די שפּראַך ניט געהאַלטען טייער און הייליג ווי זיין נאַציאָנאַלשפּראַך, חאָטש עס האָט אין איהר גערעדט, געפֿיהלט און געטראַכט, דאָס זי איז געוועזען די שפּראַך פֿון דער פֿינסטערניש, פֿון דער אונטערדריקונג און פֿון גלות, ניט די שפּראַך פֿון ליכטיגערע צייטען, פֿון פֿרייהייט און קולטור. דאָס איז דער היסטאָרישער חאַראַקטער פֿון דעם זשאַרגאָן און דעם דאָזיגען האַראַקטער מוז דער זשאַרגאָן אויך אין אונזער צייט בעהאַלטען. עס איז ניט די נאַציאָנאַלשפּראַך פֿון דעם יודישען פֿאָלק און אויך ניט די שפּראַך פֿון זיין מענשליכער קולטור, נאָר די פֿאָלקסשפּראַך, וועלכע האָט זיך צופֿעליג געבילדעט אין זיין היסטאָרישען לעבען.

דער זשאַרגאָן מוז דערום שפּילען אין יודישען לעבען דיזעלבע ראָלע, וועלכע ער האָט שטענדיג געשפּילט. ער קען נור דינען פֿאַר אַ מיטעל צו בילדונג. כּל זמן דאָס פֿאָלק רעדט ניט קיין אַנדער שפּראַך און פֿערשטעהט נור זשאַרגאָן, קען דאָס פֿאָלק אויפֿגעוועקט ווערען פֿון זיין גייסטיגען שלאָף נור דורך דעם זשאַרגאָן. כּדי דאָס פֿאָלק בעקאַנט צו מאַכען מיט דעם לעבען, כּדי אויפֿצווייזען איהם זיינע צרות און נויט און דעם וועג ווי עס זאָל זיך דערוועקען פֿון זיין שלאָף, כּדי איבערגעבען איהם זיין אייגענעס לעבען אין ערצעהלונגען און שטעלען פֿאַר איהם אַ שפּיגעל פֿון זיינע ליידען און פֿריידען, כּדי ערפֿרישען איהם מיט אַ ליעד און געבען איהם כּח און מוטה אין זיין מלחמה פֿאַר זיין קיום, איז נייטהיג דער זשאַרגאָן. אין אַמאָליגע צייטען איז געוועזען דער זשאַרגאָן די שפּראַך פֿון דעם צאֶינה־וראֶינה, פֿון די מעשׂות פֿון מדרש און הגדה, וועלכע האָבען אָבגעשפּיגעלט דאָס היסטאָרישע לעבען פֿון דעם פֿאָלק, די שפּראַך פֿון די מגידים און דרשנים, וועלכע האָבען גערעדט אין די שולען, אין די פֿערזאַמלונגס־הייזער מכח די פֿראַגען פֿון לעבען און אמונה, די שפּראַך פֿון די פֿאָלקסלידער, פֿון די בדחנים און מאַרשאַליקעס, וועלכע האָבען בעזונגען דאָס יודישע לעבען און זיינע צרות און זיינע פֿרייד; היינט קען דער זשאַרגאָן זיין די שפּראַך פֿאַר די שילדערונגען פֿון דעם איינפֿאַכען לעבען פֿון דעם פֿאָלק, די שפּראַך פֿון די צייטונגען און זשורנאַלען, וועלכע מאַכען דאָס פֿאָלק בעקאַנט מיט אַלעם וואָס עס טהוט זיך אין דער וועלט און געבען איהם אַ ענטפֿער אויף די פֿראַגען פֿון זיין אייגענעם לעבען, די שפּראַך פֿון פֿאָלקסליעדער, וועלכע הויבען, טרייסטען און ערמוטיגען דאָס פֿאָלק. נאָך איין וויכטיגע זאַך קען דער זשאַרגאָן שאַפֿען אין יודישען לעבען, ער קען העלפֿען אויסוואָרצלען די נאַרישע פֿאָרשטעלונגען און דעות אין פֿאָלק איבער די וועלט און די נאַטור און פֿאָרברייטען דאָס פֿאָלק, ריכטיגער צו פֿערשטעהן די וועלט און די נאַטור. דאָס זענען דאָך אָבער נור מיטעל צו בילדונג און קולטור, און ניט די קולטור אַליין, דאָס זענען נור פֿאָרברייטונגען פֿאַר די יודישע פֿאָלקסמאַסען, זיי זאָלען זיך קענען נאַציאָנאַל ערוועקען, דאָס איז אָבער ניט דער יודישער נאַציאָנאַליזם אַליין. ווער עס גלויבט אָבער, דאָס דער זשאַרגאָן קען ווערען די יודישע נאַציאָנאַלשפּראַך, פֿאַלט אַריין אין דעם טעות פֿון די פֿאָלקספֿריינד, וועלכע קענען ניט אונטערשיידען צווישען דעם, וואָס האָט זיך אין'ם פֿאָלקסלעבען אויסגעאַרבעט דורך די פֿינסטערניש, די אונטערדריקונג און דאָס היסטאָרישע אומגליק פֿון דעם פֿאָלק און צווישען דעם, וואָס דאָס פֿאָלק האָט אַליין געשאַפֿען דורך זיינע פֿרייע כּחות און האָט דערצו געגעבען די קדושה פֿון אַ אייגענעם, נאַציאָנאַלען יסוד פֿון זיין לעבען. זיי פֿאַלען ווייטער אַריין אין אַ טעות, וואָס זיי זעהען ניט, דאָס אַ שפּראַך פֿון קולטור מוז זיין אַ פֿעסטע שפּראַך מיט שטענדיגע גראַמאַטישע פֿאָרמען, מיט דער קראַפֿט אין זיך אויסצודריקען אַלע פֿיינהייטען פֿון דעם געדאַנקען און דעם געפֿיהל, און דאָס דער זשאַרגאָן איז ניט קיין פֿעסטע שטענדיגע שפּראַך, אַלעס וועגען דער סבּה אויף וועלכע מיר האָבען פֿריהער אויפֿגעוויזען, דאָס דאָס פֿאָלק אַליין האָט איהם געהאַלטען פֿאַר וואָכעדיג און איינפֿאַך און האָט איהם ניט געגעבען די הייליגקייט פֿון אַ שפּראַך.

די זשאַרגאַנישע ליטעראַטור, וועלכע איז נור אַ מיטעל צו בילדונג און קולטור, איז אויך דאָס בעסטע מיטעל דעם זשאַרגאָן זעלבסט צו פֿערניכטען. די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור העלפֿט מיט, דאָס די פֿרעמדע שפּראַכען דרינגען אַריין אין דאָס יודישע לעבען און דאָס דער יונגער דור זוכט זיך צו לערנען און צו בילדען. די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור בערייטעט פֿאָר אין גרונד יודישע לעזער פֿאַר אַנדערע ליטעראַטורען אין אַנדערע שפּראַכען; האָט אָבער דער יודישער לעזער אָנגעהויבען לעזען אַ פֿרעמדע ליטעראַטור, איז ער פֿאַר די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור פֿערלאָרען. ווען די יודישע פֿאָלקספֿריינד זאָגען, דאָס די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור מאַכט דעם זשאַרגאָן טייער פֿאַר דעם פֿאָלק, פֿעראינטערעסירט די אינטעליגענץ מיט דעם זשאַרגאָן און מאַכט אויף אַזאַ אופֿן דעם זשאַרגאָן צו אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך און זיין ליטעראַטור צו אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, האָבען זיי ווייטער אַ טעות. ניט דער זשאַרגאָן ווערט טייער דעם פֿאָלק דורך די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור, נאָר דאָס פֿאָלק ערקענט דורך די דאָזיגע ליטעראַטור זיין לאַגע און זעהט

וואָס איהם פֿעהלט, און ניט מיט דעם זשארגאָן הויבט זיך אָן די יודישע אינטעליגענץ צו אינטערעסירען דורך די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור, נאָר מיט דעם לעבען פֿון די יודישע פֿאָלקסמאַסען. אַ אינטערעס, אָדער גאָר אַ ליעבע צום זשאַרגאָן, ווי צו אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך, איז ניטאָ. מען האָט דורך די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור ניט אָנגעהויבען מעהר רעדען זשאַר־גאָן, ניט די אינטעליגענץ און ניט די פֿאָלקסמאַסען, מען רעדט זשאַר־גאָן איצט נעווים ווענינער, ווי אַמאָל. די זשאַרגאָנישע פֿאָלקספֿריינד אַליין רעדען ניט קיין זשאַרגאָן, בשעת זיי קענען אויסקומען מיט אַ אַנדער שפּראַך. וואָס איז דאָס אָבער פֿאַר אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך, וואָס איהרע אייגענע אַנהענגער און פֿריינד רעדען ניט אין איהר?

דר. נ. סירקין.

(ענדע קומט)

## נדבות.

### פאנד פיר ארבייטער אין א״י:

ביי ה׳ מרדכי צבי רוסקאווסקי אויף אַ ברית מילה 1.65 רובל.

### פיר דען „בית־נאמן“ אין ירושלים:

דורך ה׳ יאסעלעוו: פֿון ה׳ מ. מאנאסזאהן 1 רובל

„ משה מאזעסאהן 1 „

ס״ה 2 רובל


# האוצר

פתרון המלים שנמצאו במקרא ובמשנה וכו׳ ותרגומן לשפות רוסיא ואשכנז

מאת ש. י. פין (המנוח).

עם הערות (בסוף כל חלק) על השמות הנוגעים להכמת הרפואה בכל ענפיה

מאת ד״ר ל. קאצענעלסאהן.

## יצאה לאור

ונשלחה לכל החותמים

**חוברות ב״ג חוברות**

הספר יוצא לאור במחברות אַ 2 באגען

מחיר כל מחברת 22 ק״פ ועם פארטא 24 ק׳.

אולם להותמים הוזל המחיר ע״פ התנאים

א) בתשלום למפרע עבור כל הספר — 8 רו״כ.

ב) „ „ „ 20 ח״ב׳ — 3 „

ג) „ „ „ 10 „ 1,80 „

החותמים מקבלים החוברות בכל שבוע חפשי מפארטא.

כתבת המו״ל: Издат. „Ахіасафъ“, Варшава.

Verlag „ACHIASAF“ Warschau.



# די יודישע קאלאניאלבאנק.

## מודעה.

אלע אקציאנערען, וועלכע האבען נאך ניט איינגעצאהלט פאר אלע ראטעס, ווערען אויפגעפאדערט אין נאמען פון די דירעקטארען גלייך צו ערפילען די התחייבות, וואס זיי האבען גענומען אויף זיך.

### שפעטסטענס ביז צום 1־שטען נאוועמבער

איינצוצאהלען דאס געלד, וואס קומט פון זיי פאר די איינגעשריבענע אקציעס צוזאמען מיט די צינזען.

דערביי זענען מיר אויך מודיע, דאס אויב דאס געלד וועט ניט איינגעצאהלט ווערען

### ביז צו דעם אנגערופענעם טערמין

וועט דאס דירעקטאריום מוזען בענוטצען זיין רעכט און זיך נוהג זיין מיט די ערהאלטענע אנצאהלונגען און ניט־אבגעצאהלטע אקציעס לויט די תקנות פון דער קאלאניאלבאנק.

**דזשעמס לעווי**

גענעראל־סעקרעטאר.

49, Leadenhall Street E. C.

26־טער סעפטעמבער, 1900


Verlag „Achiasaf“. Verantwortlicher Red. M. Berkowicz. — Herausgeber u. Buchdruckerei Josef Fischer Krakau.

# ПАМЯТЬ

лицъ каждаго возраста укрѣпляетъ лично и заочно въ 10 легк. ур. профессоръ мнемоники С. Файнштейнъ

Первый и единственный въ Россіи преподаватель искусства изощренія и укрѣпленія памяти и устраненія разсѣянности.

14-ти лѣтняя практика.

Условія и брош. въ 230 стр. содерж. благодарности учениковъ, окончившихъ курсъ, объясненія и лестные отзывы газетъ о системѣ высыл. за одну 7-ми коп. марку.

Адресъ: Одесса, Дерибасовская ул., пассажъ, № 191, „Бюро укрѣпленія памяти" профессора мнемоники С. Файнштейнъ.

---

עקזיסטירט פאן 1824-טען יאהר
פאבריק פון פלאטירטע כלים
## יוזעף פראזשע
ווארשוי, עלעקטאראלנא Nr. 16
**Józef Fraget**
w WARSZAWIE, ul. Elektoralna Nr. 16.

אייגענע געשעפֿטען געפֿינען זיך:
אין ווארשוי: סענאטארסקא 17 — קראקויער פֿארשטאדט 69 — נאלעווקי 16. אין לאָדז: פּיאטרקאווסקא 61.

---

בהוצאת „בני ציון" בווארשא
יצא לאור ספר
## למרנן ורבנן
כולל שטה מסודרת וברורה ע"ד עבודת האומה והציוניות השלמה.
מאת נ. סאקאלאוו.

הספר הזה הוא רב חכמות והאיכות ונדפס ביופי והדר בפֿארמאט גדול, ולמען ימצא לו בנקל מהלכים בקרב העם קצבנו לו מחיר קטן

**50 קאפ.**

וחברות ציוניות הקונות מעשרה אֶכסמפלרים ומעלה מקבלות ראבאט 30%.
יש להשיג את הספר גם בכריכה מהודרה במחיר 80 ק'. המקחים בלי המשלוח, המסכר הראשי הוא בבית מסחר הספרים של לעווין-עפשטיין, ווארשא, גענשא 5. ואצל החברות „אחיאסף" „ותושיה" בכל בתי מסה"ס, ובבית מערכת הצפירה.

---

נשלם עד גמירא הס'
## דברי ימי ישראל להפרופ' גרעץ.
יצא לאור ונמצא להמכר כל החלק השמיני והוא האחרון לס' הזה.

כל איש אשר יחפוץ לקנות לו ידיעה שלמה וברורה במקצוע תולדות ישראל יקנה את הספר רב הכמות והאיכות הזה ומצא די ספקו.—

הספר מחזיק שמונה חלקים גדולים, והחלק השמיני יפרד לשני ספרים וזה מקחו לחלקיו:

מחיר חלק ראשון ושני 2.40 ר' כל אחד, מחיר חלק שלישי ורביעי 2.55 ר' כל אחד, מחיר חלק חמישי 2.65 ר', מחיר חלק ששי 2.95 ר', מחיר חלק שביעי 2.90 ר', מחיר חלק שמיני ספר ראשון 1.85 ר', מחיר חלק שמיני ספר שני 1.85 ר'.—

המקחים האלה הם לבד פארטא ועבור המשלוח יש להוסיף 30 קאפ לכל חלק. הקונים למצער ארבעה חלקים בפעם אחת פטורים מדמי הפארטא.— דורשי הספר יפנו ע"פ כתובת:
Издательство „Ахіасафъ", Варшава.
Бр. Левинъ-Епштейнъ Гусья № 5.

---

## נור מיט עטליכע רובל
קען יעדער מענש ביי זיך אויפֿן ארט א נוטע פרנסה איינפֿיהרען. אזוי ווי איך גיב צו ערקלערען דורך א בריעף נעגען א 7 קאפ' מארקע. אדרעסירען:
Варшава, Я. Найдичъ.

---

האטעל אונד רעסטאראן 1-טער קלאסע.
## קאממערציע אין ווילנא.
טהיילט מיט אלע רייזענדע, דאסס ער איז מיט פיעל גראסע אונד שענע נייע בעפוצטע צימער פערגרעסערט געווארען אונד דאס דער רעסטאראן כשר, וועלכע איז בעריהמט מיט זיינע געשמאקע אונד געזונדע שפייזען, האט ערלויבנים בעקאממען אלערליי געטרענקע ווארונטער אויך כרמל וויין אונד קאניאק פאן פאלעסטינא צו פערקויפען.
בעדיענונג אויף דאס געפעליגסטע.
מיט אלער אכטונג
יהושע בערשטעלמאן.

---

## דברי חכמה
חמשה מאמרים על מהות הטבע והקותיה בגופים ובבעלי־חיים, עפ"י מחקרי החכמים האחרונים.
מאת **משה פעלדשטיין.**
מחירו לאחדים 25 קאפ'.
מו"ס יקבלו ראבאט כנהוג.
יש למכירה אצל:
Товарищество „АХІАСАФЪ" Варшава.

---

Вышла въ свѣтъ новая книга:
## ПЯТЬ МОМЕНТОВЪ
изъ жизни Моисея
**М. Л. Лиліенблюма**
цѣна 35 коп. съ пересылкой 40 коп.
Товарищество „АХІАСАФЪ", Варшава.

---

**L „Echo Sioniste"**
## האורגן הציוני היחידי בשפת צרפת
יו"ל בפריז ע"י ל. פאפרין וא. רוקה.
העתון הזה יוצא לאור פעמים לחודש, ביום 5 וביום 20.
כתובת בית המערכת והאדמיניסטראציאן:
Paris, 38 rue Lebrun, 38
מחיר החתימה: לשנה 4 רו"כ, לחצי שנה 2 רו"כ.
החותמים ברוסיא יוכלו לפנות עפ"י הכתובת.
Товарищ. „Издательство Ахіасафъ", Варшава.

# געזעללשאפט „כרמל" ווארשא

## אויסשליסליכער פערקויף פיר גאנץ רוסלאנד

# פון נאטירליכען ווייז און קאניאק

וועלכער ווערד אויסגעארבייט

## אין די וויינגערטנער

פון די

# יודישעקאלאניעס

אין

# ארץ ישראל



די מארקע איז בעשטעטיגט
פון דער רוסישער רעגירונג.




דער עטיקעט איז בעשטעטיגט פון דער רוסישער רעגירונג

הויפט-קאנטאר אין ווארשא, נאלעווקי נו' 21, טעלעפאן נו' 1433.

אדרעססע פיר בריעף: Товарищество Кармелъ Варшава פיר טעלעגראממען: **Варшава Кармелъ.**

אבטהיילונג פיר זיד-רוסלאנד אין **אדעססא** רישעליעווסקאיא אין דעם הויז פון ה' בארש

אדרעססע פיר בריעף: **Товарищество Кармелъ Одесса** פיר טעלעגראממען: **Одесса Кармелъ**

צו אדעססער ראיאן געהערען די גובערניעס: חערסאן, קישיניעוו, יעקאטערינאסלאוו, פאדאלסק, קיעוו, חארקאוו, פאלטאווא, קרים און קאווקאז.

## פיליאלע פון „כרמל" אין קארלסבאד

אין קארלסבאד איז געעפענט געווארען א פיליאלע צים פערקויף פון כרמל-ווין אויף דער קרייצגאססע נו. 86, און אלע געסט וועלכע קומען אין די עסטרייכישע בעדער קענען בעקומען כרמל-וויין פון דער קארלסבאדער פיליאלע. די אדרעסע אין קארלסבאד איז:

Gesellschaft «KARMEL» Kreuzgasse Nr. 86 vis à vis der grossen Colonade.

אונזערע וויינען און קאניאקען בעקומט מען אין אלע וויינהאנדלונגען.

כדי צו בעווארנען כרמל-וויין און קאניאקען פון נאכגעפעלשטע, פערקויפען מיר אונזערע וויינען און קאניאקען נור אין פלעשער פערזיגעלט מיט אונזער סטעמפעל און פערקניפט מיט דער פלאמבע פון „כרמל".

# העברי

## בית ספר לנערים

של

א. ליבושיצקי.

**WARSCHAU,**

**Nowolipie 15/9.**

## וויאָלין (פידעל)

צו שפיעלען איז לייכט צו ערלערנען דורך די נייע מעטאָדע פון הערמאן שטיפט אין יודישער שפראכע אונד מיט בייד שפיעלען אונד נאָטען ערקלערט.
פרייז מיט פארטא 1 רו"כ.
פאסטמארקען ווערדען אנגענאָמען.
אגענטען בעקאממען ראבבאט.

הויפטפערקויף בייא:
Книжный магазинъ
**А. Цукермана**
Варшава, Налевки 7.
Buchhandlung
A. Zuckermann, Warschau,
Nalewki 7.

## גילזען-מאשינען

די בעסטע ציגארעטען גילזען-מאשינען נייעסטער קאָנסטרוקציאָן, מיט אונד אָהנע דרוק-אפפאראטען בעקאָמט מאן ביי:

M. BLÜTH, WARSCHAU
Pańska str. 26.

כירורגישע הינעקאלאגישע
פריוואט-קליניק
פון
**ד"ר רייכשטיין און וואָלבערג**
אין ווארשא, לעשנא 31. די אנשטאלט געפינט זיך אין א גארטען. עס זענען דאָ שפעציעלע צימער פיר קימפעטאָרען (אָהנע מעלדונג) פרייז פון 2 ביז 5 רו"כ. שטרענג כשר'ע קיך. אמבולאטאריום פון 10 ביז 12 אוהר.

אין ענגלאנד קען מען אבאָנירען דעם „יוד" ביי:

**R. MAZIN. 100 Old Montague Str. LONDON E.**

## נייעס!! נייעס!!



ברוכבענדער עלעקטרא-גאלוואנישע היילען גרינדליך נאך קורצען געברויך, ווי עס איז איבערצייגט געווארען, אז נאך 3 מאָנאטליכען טראגען, ווירד דער ברוך פאָללשטענדיג אויסגעהיילט. פרייז פאָן איינער זייטע 6 רובל, צווייזייטיג 10 רובל. בויכבינדען פיר פרויען, עלאסטישע זאקען פיר געשוואָלענע פיס, אונד פערשיעדענע אנדערע כירורגישע ארטיקלען — צו בעקומען נור ביים אָפטישען-כירורגישען געשעפט אונטער דער פירמא: אלעקסאנדער, סענאטאָרסקא 22 ווארשוי.

אדרעססע:
„АЛЕКСАНДРЪ"
Сенаторская ул. № 22,
Варшава.

דא עס האט זיך געציגט דאס מען מאכט נאך דיעזע ברוכבענדער ביטען מיר אויפמערקזאם צו זיין אויף די אָריגינעלע מיט'ן סטעמפעל פאָן אונזער פירמא.